STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02058

DI YESOYDES FUN MARKSIZM

I. Agol

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[335.5 (023)]

י. אַגאַל.

די יעסודעס פון מארקסיזם

אנטי-דיורינג
פון פ. ענגעלס.

אידיש — פ. שפראך.

פארלאג „סאָראַבקאָפּ“
קיעוו — 1924.

דרוקעריי ,,קאַמפּאָן,, וואַראַווסקע גאַס 14.
באַשטעלונג 215, 3000 עקז. ע. ד. פּ. 922.

האַקדאָמע.

נאָכן ניצאָכן פונם פּראָלעטאַריאַט אינם בירגער-קריג, ווען די בורזשואַזיע האָט זיך שוין מעיאש געווען אופצושטעלן איר הערשאַפט מיט געווער אין דער האַנט, האָט זי דעמאָלט אופגעשטעלט אַנטקעגן פּראָלעטאַריאַט אַ נייעם פראָנט, — *דעם אידעאָלאָגישן*. פאַרכאַפּן די מויכעס פון אַרבעטער-קלאַס, האַלטן אים אין אַ גייסטיקער פאַרקנעכטונג, מאַכן פון אים אַ געהאָרזאַם שפּילצייג אין אירע הענט, קעדיי שפּעטער אים פּאָליטיש און עקאָנאָמיש צו אונטעריאָכן — אין דעם באַשטייט די אופגאַבע פון דער בורזשואַזיע אינם דאָזיקן נייעם קאַמף.

אומגעביטן האָבן זיך נאָר די מיטלען, די צילן אָבער זיינען פאַרבליבן די פריעריקע.

דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע שטעלט דער אַרבעטער-קלאַס אַנטקעגן זיין פּראָלעטאַרישע וועלט-אַנשויאונג. די גרונט-לייגער פון דער דאָזיקער וועלט-אַנשויאונג זיינען געווען קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס. נאָך מאַרקס נאָמען רופט זיך די גאַנצע לערע—*מאַרקסיזם*.

באַגלייך מיט מאַרקס „קאַפּיטאַל“ פאַרנעמט אויך ענגעלסעס בוך „אַנטי-דיורינג“ דעם אויבנאָן אין דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור. אין דעם בוך געפינט זיך אַ גוואַלדיק גרויסער טעאָרעטישער מאַטעריאַל פאַר דער פילאָזאָפיע פון מאַרקסיזם, פאַר פּאָליטישער עקאָנאָמיע און וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם. אַלץ וואָס איז שפּעטער געשריבן געוואָרן, באַזונדערס אָפן געביט פון פילאָזאָפיע פון מאַרקסיזם, איז שוין נאָר אַ מער-ווייניקער געלונגענע

אָדער אומגעלונגענע אַנטוויקלונג, אויסטייטשונג אדער פּאָפּוליאַריזירונג פון ענגעלסעס גרונט-האַנאָכעס. באַקאַנט ווערן מיטן דאָזיקן בוך איז אַ מוז פאַר יעדן באַוואוסטזיניקן אַרבעטער.

מאכט זיך אָבער, אַז צוליב דעם פּאָלעמישן כאַראַקטער און דער אַבסטראַהירונג פון אַסאַך פראגן, צו וועלכע דער לעזער דאַרף זיין ספּעציעל צוגעגרייט, ווערט דאָס בוך שווער צוגענגלאַך, ניט נאָר פאַר ווייניק צוגעגרייטע אַרבעטער, נאָר אַפילע פאַר אַ דורכשניטלאכן פּאַרטיי-מאַן.

באַפרייען „אַנטי-דיורינג” פון פּאָלעמיק, אויסזעצן יענע ערטער, וואָס פאָדערן אַ ספּעציעל-צוגעגרייטן לעזער אַזוי, אַז יעדער איינער זאָל זיי קענען פאַרשטיין, איבערגעבן זיין אינהאלט אַף *ענגעלסעס אייגענעם לאָשן*, בעקיצער,—פאַרגרינגערן דעם אַרבעטסמאַן צו לייענען דעם בוך,—דעם ציל האָב איך זיך געשטעלט אין דער דאָזיקער אַרבעט.

האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די אופגאַבע איז ניט אַזוי איינפאַך, ווי איך האָב זיך לעכאטכילע פאַרגעשטעלט—אייניקע קאַפּיטלען, ווען מ'וואַרפט אַרויס פון זיי דאָס פּאָלעמישע, בלייבן לאכלוטן אָן בלוט און באַפרידיקן ניט דעם געשטעלטן ציל. אַזוינע קאַפּיטלען איז אויסגעקומען אָנצושרייבן אַפסניי. אַסאַך געדאַנקען וועגן איינער און דער זעלבער פראגע זיינען צעזייט און צעשפּרייט אין פאַרשיידענע קאַפּיטלען און אַפילע אין באַזונדערע אָפּשניטן פון דעם בוך. קעדיי קאָנצענטרירן דעם לעזערס אופמערקזאַמקייט אַף יעדער פראגע באַזונדער און ברענגען אים דעם גאַנצן מאַטעריאַל וועגן דער געגעבענער פראגע אַף איין אָרט,—איז מיר אויסגעקומען צונויפשטוקעווען באַזונדערע טיילן פון ענגעלסעס בוך אין איין גאַנצעס. דעם טעקסט האָב איך אָבער אומעטום געלאָזן *אומגעענדערט*.

קימאט אינגאַנצן אַף דאָס ניי זיינען אָנגעשריבן די קאַפּיטלען: „די אַנטשטייאונג פון דער וועלט” און „די אַנטוויקלונג פון לעבן”. דערצו האָב איך זיך באַנוצט מיט די ווערק פון טימיריאַזעוו, אַנוטשין, האַקע און מיט די פּאָפּולערע ביכלאַך פון כימענקאָוו, כוואָלסאָן און אייניקע אנדערע. דעם קאַפּיטל „דער

פארצײטיקער קאָמוניזם, די אנטשטײאונג פון פאמיליע, פריוואט-אײגנטום און מעלוכע״ האָב איך געבראכט ניט לויטן לעצטן קאַפיטל פון „אנטי-דיורינג״, נאָר לויט פ. ענגעלסעס ביכל מיטן זעלביקן נאָמען. אויך אינם דאָזיקן קאפיטל האָב איך, ווי ווײט מעגלאך, דערהאַלטן דעם מעכאבערס נוסאך.

באַם אויסלײגן דעם מאטעריאַל האָב איך זיך דערלויבט אָפטרעטן פון „אנטי-דיורינג״, אין זינען האָבנדיק הויפטזאכלאך דעם ניט-צוגעגרײטן אָרבעטער-לעזער.

קעדײ דער לעזער זאָל קאָנען וואס לײכטער צונויפבינדן דעם טעקסט פון דער ארבעט מיטן אָריגינאל פון „אנטי-דיורינג״, זײנען באַ דער זײט אָוועקגעשטעלט ציפער, וואָס ווײזן אָן די געהעריקע זײטלאך פון „אנטי-דיורינג״ לויט דער צווײטער אופלאגע פון „מאָסקווער אָרבעטער״ 1922 יאָר.

מאסקווע, אקטיאבר 1922 יאר.

י. אגאָל.

אריינפיר.

1. אלגעמיינע האנאָכעס.

לויט זיין אינהאלט איז דער היינטיקער סאָציאַליזם קוי-
דעם קאָל אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס מ'האָט, זיך צוקוקנדיק, 1.
באַמערקט, פון איין זייט, די קלאסן-ווידערשפרוכן, וועלכע
הערשן אין היינטיקער געזעלשאפט צווישן פאַרמעגלאכע און
אומפארמעגלאכע, צווישן פאַרדונגענע אַרבעטער און דעם בור-
זשוא, פון דער צווייטער זייט—די אַנאַרכיע וואָס געוועלטיקט אין
דער פראָדוקציע. נאָר לויט זיין טעאָרעטישער פאָרם טרעט
דער סאָציאַליזם לעכאטכילע אַרויס אַלס אַ מער ברייטערע,
אַ מער אויסגעהאַלטענע אַנטוויקלונג פון יענע האַנאָכעס (גרונט-
געדאנקען), וועלכע די גרויסע פראנצויזישע אופקלערער פון
18-טן יאָרהונדערט האָבן ארויסגעבראכט. ווי יעדע נייע טעאָריע,
האָט ער געמוזט צושטיין אין אָנהויב צו יענעם אידייאישן מאטע-
ריאל, וועלכן ער האָט געטראָפן שוין פאַרטיקערייד, האַגאַם זיינע
אייגענע ווארצלען האָבן גאָר געשטעקט אין עקאָנאָמישע פאקטן.
די גרויסע לייט, וואָס האָבן אופגעקלערט די מויכעס פון
פראנקרייך און צוגעגרייט זיי צו דער גרויסער רעוואָלוציע, 1.
זיינען אַליין אַרויסגעטראטן אַלס עקסטע רעוואָלוציאָנערן. זיי
האָבן ניט געהאלטן פון קיין שום אויסערלאכן אַווטאָריטעט, פון
וואָס פאַר אַ מין ער זאָל ניט זיין. רעליגיע, דעם קוק אַף נא-
טור, געזעלשאפט, מעלוכע-בוי,—אַלץ האָט מען אומראכמאָנעס-
דיק קריטיקירט, אַלץ האָט געמוזט האָבן באַרעכטיקט זיין עקזיס-

טענץ פאַרן מישפּעט פון פאַרשטאַנד אָדער—אופהערן אַף וויי־טער עקזיסטירן, פאַרשטאַנדיקייט איז געוואָרן די איין־און־אייב־ציקע מאָס פון אַלצדינג, וואָס עס עקזיסטירט. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען די גאַנצע וועלט האָט מען, ווי העגעל דריקט זיך אויס, אַוועקגעשטעלט אַפן קאָפּ. צוערשט—אין דעם זינען, וואָס דער מענטשלאַכער פאַרשטאַנד און די פון אים אַנטדעקטע אידיי־ען, האָבן געהאַט אַ פּרעטענזיע צו ווערן דער יעסאָד פון אַלע מענשלאַכע טואונגען און פון יעדער געזעלשאַפטלאַכקייט, און שפּעטער־צו—שוין אינם ברייטערן זינען, אַז די ווירקלאַכקייט, וועלכע איז סויסער די דאָזיקע אידייען, מוז פּאַקטיש אומגעביטן ווערן פון אויבן ביז אַראָפּ. אַלע פאָרמען פון געזעלשאַפט און מעלוכע, וואָס האָבן זיך ביז דעמאָלט געהאַלטן, זיינען אַוועק־געלעגט געוואָרן אין אַרכיוו, אַלס ניט שטימנדיקע מיטן פאַר־שטאַנד: ביז איצט איז די וועלט געוואָרן געפירט פּאַשעט דורך אַבערגלויבנס.

אַלדאָס פריערדיקע האָט געקאָנט אַרויסרופן צו זיך נאָר ראַכמאָנעס און פאַראַכטונג. ערשט איצט האָט אַ בליק געטאָן אַ טאָג־שיין; אַנשטאָט אַבערגלויבן, אומגערעכטיקייט, פּריווי־לעגיע און אונטערדריקונג וועט פון היינט אָן אַוועקגעשטעלט ווערן דער אייביקער עמעס, אייביקע גערעכטיקייט גלייכהייט אַף נאַ־טור געזעצן, און אומבאַרירלאַכע מענטשן־רעכט.

איצטער ווייסן מיר, אַז די גאַנצע מעמשאָלע פונם קלאָרן סייכל איז געווען ניט מער, ווי אַן אידעאַליזירטע מעמשאלע פון דער בורזשואַזיע, אַז פון דער אייביקער גערעכטיקייט איז גע־וואָרן אַ בורזשואַזע יוסטיץ; אַז פון גלייכהייט האָט זיך אויס־געלאָזט בלויז אַ בירגערלאַכע גלייכהייט פון אַלעמען פאַרן גע־זעץ. אַז פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע מענטשן־רעכט איז דער־קלערט געוואָרן . . . דאָס בורזשואַזע אייגנטום, און אַז די סייכל־דיקע מלוכע איז געוואָרן, און נאָר דאָס האָט זי געקאָנט ווערן —אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעפּובליק. די גרויסע דיינקער פון 18־טן יאָרהונדערט האָבן פּונקט אַזוי ניט געקאָנט איבערשפּאַנען די גרעניצן פון זייער צייט־עפּאָכע, ווי אַלע זייערע פאָרגייער.

177 ווען ס'איז געקומען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און פאַר-
ווירקלאכט די סייכלדיקע געזעלשאַפט, די סייכלדיקע מלוכע,
האָבן זיך די נייע אַנשטאַלטן, ווי בעסער זיי זאָלן נים זיין אין
פאַרגלייך מיט דער פריערדיקער אָרדנונג, ארויסגעוויזן צו זיין גאָר נים
אַבסאָלוט סייכלדיק. די סטירע צווישן רייכע און אָרעמע איז,
אַנשטאָט צו פאַרשווינדן, נאָך שאַרפער געוואָרן. דער אָפּבלי פון
דער אינדוסטריע אויף קאַפּיטאַליסטישע יעסוידעס האָט געמאַכט
דעם דאַלעס און די אָרעמקייט פון די אַרבעט-מאַסן פאַר איינעם
פון די לעבנסנויטיקע באַדינגונגען פון דער עקזיסטענץ פון דער
געזעלשאַפט. דער האַנדל האָט אַלץ מער און מער באַקומען אַ
כאַראַקטער פון שווינדל. די „ברידערלאכקייט" פונם רעוואָלוציאָ-
נערן לאָזונג פלעגט זיך, אין עמעסן ארויסווייזן, אין די שפּיצ-
לאָך און אין דער קינע, וואָס האָבן באַגלייט דעם קאַמף, וועלכע
וועגט אַרויסגערופן פון קאָנקורענץ. די איבערגוואַלדיקע אונטער-
דריקונג איז פאַרביטן געוואָרן אויף אונטערקויף, אַנשטאָט דעם
שווערד איז דער שטאַרקסטער הייבער פון געזעלשאַפטלאכע
קראַפט געוואָרן — געלט. דאָס „רעכט אויף דער ערשטער
178 נאַכט"*) איז איבערגעגאַנגען פון די פעאָדאַלע פריצים צו די
בורזשואַזע פאַבריקאַנטן. די פּראָסטיטוציע איז געשטיגן אומגע-
הויער. די כאַסענע גופע איז פאַרבליבן, ווי געוועזן, אַ געזעצלאַך
אַנערקענטע פאָרם, אַן אָפיציעלער שלייער צו פאַרדעקן די
פּראָסטיטוציע. בעקיצער, אין פאַרגלייך מיט די רייכע האַווטאָ-
כעס פון די אויפקלערער, האָבן זיך די געזעלשאַפטלאכע און מע-
לוכישע אַנשטאַלטן אַרויסגעוויזן צו זיין אַ קאַריקאַטור, וועלכע
רופט ארויס אַ ביטערע אַנטוישונג. ס'האָבן נאָר געפעלט די
מענטשן, וועלכע קאָנסטאַטירן די דאָזיקע אַנטוישונג. אַזוינע
מענטשן זיינען אָנגעקומען צו אָנהויב פון נייעם יאָרהונדערט.
דאָס זיינען געווען די אוטאָפּיסטן.

*) באַם פעאָדאַליזם האָט יעדער פּאָריץ געהאַט אַ געזעצלאַך רעכט
יעדע קאַלע-מיידל פון זיינע לייב-קנעכט זאָל די ערשטע נאַכט נאָך דער
כאַסענע געהערן אים.

איבערזעצער.

צו יענער צייט איז נאָך די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוציר-
178 פאָרם, ווי אויך דער ווידערשפּרוך צווישן די קלאסן-אינטערעסן
פון דער בורזשואזיע און פון פּראָלעטאַריאַט געווען זייער ווײ-
ניק אַנטוויקלט. דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט זיך נאָר-וואָס
גענומען אויסטיילן פון צווישן די ארעמע מאסן אַלס אַ קערן פון
אַ נייעם קלאַס, איז נאָך ניט פייאיק געווען צו זעלבשטענדיקע
פּאָליטישע מאַסים, און אַלס אונטערדריקטער און שוואַכער, וואָס
איז נאָך ניט אומשטאַנד אַליין זיך צו העלפן, האָט ער זיך גע-
נויטיקט אין הילף פון דרויסן, פון אויבן.
די דאָזיקע היסטאָרישע לאַגע האָט געווירקט אויך אַף די גרינ-
178 דער פון סאָציאַליזם. דעם אומרייפן צושטאַנד פון דער קאַפּיטאַ-
ליסטישער פּראָדוקציע און דעם אומרייפן קלאַסן-באַוואוסטזיין
האָבן אַנטשפּראָכן אומרייפע טעאָריעס. מ'האָט זיך געפּרואווט אַף
אַ טעאָרעטישן אויפן אויסגעפינען די מיטלען צו לייזן יענע גע-
זעלשאַפטלאַכע אויפגאַבן, וועלכע זיינען נאָך ניט קלאָר געוואָרן
אין דער אַטמאַספער פון ניט-אַנטוויקלטע עקאָנאָמישע פאַרהעל-
טענישן. עס האָט זיך געדעדט וועגן ערפינדן אַ נייע פולקומע
סיסטעם פון אַ געזעלשאַפטלאַכער אָרדנונג און זי אָנבינדן, דער
געזעלשאַפט, פון דרויסן, דורך פּראָפּאַגאַנדע און, וואו מעגלאַך
איז, דורך ביישפּילן פון מוסטער-פּרואוון אַריינצייען דעם אוילעם.
די אַלע נייע סאָציאַלע סיסטעמען זיינען פאַרמישפּעט געוואָרן
צו בלייבן אוטאָפּיעס. וואָס מער מ'פלעגט זיי פאַנאַנדעראַרבעטן אין
די פּראָטים, אַלץ מער האָבן זיי געמוזט אַריינפאַלן אין ריינער
פאַנטאַסטיק.
183 די אוטאָפּיסטן זיינען דערפאַר געווען אוטאָפּיסטן, ווייל
עפּעס אַנדערש האָבן זיי ניט געקאָנט זיין אין אַ צייט, ווען די
קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע איז נאָך אַזוי שוואַך געווען אַנט-
וויקלט. אי סען-סימאָן, אי פוריע, אי אָאוען זיינען געווען גע-
צוואונגען אויסצוטראַכטן פון קאָפּ די עלעמענטן פון אַ נייער
געזעלשאַפט, ווייל פון די טיפענישן פון דער אַלטער געזעל-
שאַפט האָבן זיך די עלעמענטן נאָך ניט פאַר אַלעמען קלאָר
אויסגעמאָלט.

2 אָנצייכענענדיק דעם פּלאַן פון אַ נייער געביידע, האָבן די אוטאָפּיסטן, פּונקט ווי די אופקלערער, געוואָלט לאָזן געוועלטיקן דעם קלאָרן סייכל און די אייביקע גערעכטיקייט. דאָך איז זייער מעלוכע געווען אַזוי ווייט פון דער אופקלערערישער, ווי הימל פון ערד... לויט זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, איז די בורזשואזע וועלט ניט קיין סייכלדיקע און ניט קיין גערעכטיקע און זי מוז דערום אָפּגעשאַפט ווערן אַזוי גוט, ווי די פעאָדאַלע און אַלע איבעריקע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונגען פון פריער. דער סייכל און די גערעכטיקייט האָבן נאָך ביז איצט דערפאַר ניט געוועלטיקט איבער דער גאַרער וועלט, ווייל מ'האָט זיי נאָך ניט געהאט ריכטיק באַנומען. עס האָט געפעלט די געניאַלע פּערזאָן, וועלכע זאָל דעם עמעס באַנעמען. נאָר אָט איז דורך זיי די פּערזאָן געקומען, און אַדאַנק איר איז דער עמעס ענדלאָך באַנומען געוואָרן.

2 אַזאַ געשעעניש האָט מען דערקלערט ניט אַלס רעזולטאַט פון היסטאָרישן אַנטוויקלונג-פּראָצעס, אַלס אַן אומפאַרמיידלעכע זאַך, נאָר פּאַשעט אַלס אַ ריינעם גליקלאַכן צופאַל. די געניאַלע, פּערזאָן האָט זיך געקאָנט באַווייזן מיט 500 יאָר פריער פאַר זיי און דעמאָלט וואָלט די מענטשהייט פּאַטער געוואָרן פון איבעריקע 500 יאָר טאָעסן, קאַמף און יעסורים און ווייל דער אַבסאָלוטער
3 עמעס איז ניט אָפּהענגיק פון צייט, רוים און פון מענטשלעכער אַנטוויקלונג, איז דערום די צייט און דאָס אָרט, וואו ער האָט זיך באַוויזן, אַ צופעליקע זאַך.

די אוטאָפּיסטן האָבן געלייקנט אָן דער בורזשואזער געזעלשאַפט, ווייל זי איז ניט סייכלדיק און טויג ניט; דערפאַר האָבן זיי זי ניט געקאָנט דערקלערן און אופדעקן יענע ריכטיקע פּרוזשינע אירע, וואָס שטויסט זי צום אונטערגאַנג. קעדיי אַזוי אַרום זי בייצוקומען, האָבן זיי זיך באַגרעניצט בלויז מיט קריטיקירן די דאָזיקע אָרדנונג, און מיטן סייכל פלעגן זיי זיך שאַפן בלויז גליקלאַכע אוטאָפּיעס וועגן קומענדיקן גאַניידן אַף דער ערד. דערין באַשטייט זייער מאַכטלאָזיקייט.

דערווייל איז באַגלייך מיט דער פראַנצויזישער פילאָזאָפיע

און אלס אירער א יורעש אופגעקומען די נייסטע דייטשע פילא-
זאפיע וועלכע האט באקומען איר האשלאמע אין העגעלס סיס- 3
טעם, און האָט צום ערשטן מאל — און דערין איז איר גרוי-
סער פאַרדינסט פאַרגעשטעלט די גאַנצע וועלט פון נאַטור, 6
געשיכטע און גייסטיקן לעבן אלס א פּ ר אָ צ ע ס, ד. ה. אין צו-
שטאַנד פון אייביקער באַוועגונג, פאַרענדערונג, פאַרוואַנדלונג
און אַנטוויקלונג, און האט אויך געמאכט דעם פּרואוו אַנצואווייזן
די אינווייניקסטע פאַרבינדונג אין דער דאָזיקער באַוועגונג און
אַנטוויקלונג.

פון דעם שטאַנדפּונקט האָט שוין די געשיכטע פון דער 6
מענטשהייט ניט אויסגעזען ווי אַ ווילדער כאַאָס פון אומזיניקע
גוואַלדטאַטן, וועלכע ווערן אלע גלייך געמישפּעט פאַרן בעסדין
פונם איצט צייטיק-געוואָרענעם פילאָזאָפישן סייכל, און וועלכע
ס'איז גלייכער פאַר אַלץ לאַכלוטן אַף אייביק צו פאַרגעסן; די
געשיכטע האָט זיך אַרויסבאַוויזן אלס אַן אַנטוויקלונג-פּראָצעס
פון דער מענטשהייט גופע, און דעם דיינקערס אופגאַבע איז
אַצינד געוואָרן — נ א כ צ ו פ א ר ש ן צווישן די אַלערליי אָפּ-
וועגדונגען דעם נאָכאַנאַנדיקן גאַנג פון דער געשיכטע און פון
צווישן די קלוימערשטע צופעליקייטן פעסשטעלן די אינערלאַכע
געזעצמעסיקייט פונם פּראַצעס.

נאָר העגעל איז אָבער געווען אַן אידעאַליסט. זיינע אייגע- 6
נע אידייען האט ער געהאַלטן ניט ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון עק-
זיסטירנדיקע זאַכן און דערשיינונגען, נאָר, פאַרקערט, די זאַכן
און זייער אַנטוויקלונג זיינען אים אויסגעקומען צו זיין די אָפּ-
שפּיגלונג אין דער ווירקלאַכקייט פון דער „אידייע“, וואס האָט
שוין ערגיץ-וואו עקזיסטירט נאָך פאַר מאַיסע-בריישיס. מעמיילע
איז אַלץ אויסגעקומען קאַפּויר, און די עמעסע פאַרקייטלונג פון
די דערשיינונגען איז אינגאַנצן פאַרדרייט געוואָרן.

און ערשט דאַן, ווען דאַמף און מאַשין האבן געבראַכט
צום לעבן אַ נייעם פּראָגרעסיוון געזעלשאַפטלאַכן קויאַך — דעם
קלאַס פון לוין-אַרבעטער — און דעם פאַרשאַרפטן קלאַסנקאַמף
צווישן פּראָלעטאַריאַט מיט דער בורזשואַזיע אין די פאַרגע-

7 שריטנסטע אייראָפּעאישע לענדער, דעמאלט ערשט איז געווארן מעגלאך גרונטלאך אומצובייטן דעם היסטאָרישן באַנעם. די פאקטן האבן אלץ איבערצייגענדיקער גענומען אופדעקן די פאַלשקייט אין דער טעאָריע פון די בורזשואזע עקאָנאָמיסטן וועגן דער אידענטישקייט צווישן די אינטערעסן פון קאַפּיטאַל און פון אר־בעט, וועגן דער אלגעמיינער האַרמאָניע און אלגעמיינעם פאָלקס־וואויל, וועלכע קומען ארויס פון פרייער קאָנקורענץ.

184 די גרויסע אינדוסטריע האָט אנטוויקלט ווידערשפּרוכן, וועלכע ליגן פאַרבאָרגן אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּראדוקצ׳אָנס־סיסטעם ביז צו אזא גרויסער מאָס, אז מ׳קאן שוין מאמעש אָנ־טאַפּן מיט דער האנט די קומנדיקע קאַטאַסטראָפע פון דער דאזי־קער פּראדוקציאָנס־סיסטעם.

7 די נייע געשעענישן האָבן געצוואונגען אַפסניי איבערקוקן די גאַנצע געשיכטע און עס האָט זיך דערביי ארויסגעוויזן, אז זי איז קעסיידער געווען אַ געשיכטע פון קלאסן־קאַמף, אז די צווישן זיך קעמפנדיקע קלאסן, זיינען שטענדיק אַ פּראָדוקט פון באַשטימטע פּראָדוציר־און אויסטויש־פאַרהעלטענישן, מיט איין ווארט, אַ פּראדוקט פון די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן פון זייער עפּאָכען אַזוי ארום, בילדעט די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער געזעל־שאַפט דעם רעאלן יעסאָד, פון וועלכן עס מוז דערקלערט ווערן אין דער אונטערשטער שורע דער גאנצער איבערגעבוי פון רעכט־לאכע און פּאָליטישע אנשטאַלטן, אזוי אויך אלע רעליגיעזע פי־לאָזאָפישע און אנדערע אידייען פון יעדער היסטאָרישן פּעריאָד. דערמיט אליין ווערט שוין דער אידעאַליזם פארטריבן פון זיי לעצטן מיקלאט, פון דער היסטאָרישער וויסנשאַפט, און עס איז געפונען דער וועג אויסצוטייטשן דעם באוואוסטזיין פון די מענטשן דורך זייער זיין, אנשטאט צו דערקלערן זייער זיין דורך זייער באוואוסטזיין, ווי מע פלעגט דאס טאָן ביז איצט.

8 דער אלטער אוטאפּיסטישער סאָציאַליזם האָט, עמעס, קרי־טיקירט די קאפּיטאַליסטישע פּראָדוציר־סיסטעם מיט אירע פאָלגן אבער ער האָט ניט געקאָנט זי דערקלערן און מעמיילע פאַטער צו ווערן פון איר; ער האָט זי פּאַשעט נאָר געקאָנט

אַפּלייקענען, ווייל זי טויג ניט. די נייע, וועלט-אנשויאונג גיט די
פולע וויסנשאַפטליכע זיכערקייט דערין, אַז די קאַפּיטאליסטישע
ארדנונג, אַזוי גוט ווי אלע אנדערע פאַרגאנגענע פאזן פון דער
מענטשהייטס עקאָנאָמישע אנטוויקלונג, איז נאָר אן איבערגאַנגס-
דערשיינונג, אַז די אנטוויקלונג פון די פּראדוציר-קויכעס און
דער פּראָגרעסירנדיקער קלאסנקאמף טראגן איר דעם אומפאַר- 8
מיידלאכן אונטערגאַנג.

דער סאָד פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע איז אנט-
פּלעקט געווארן דורך דער אנטדעקונג פונם מערוווערט. עס אי
דערוויזן געווארן, אַז דאָס צואייגענען פאַר-זיך פרעמדע ציניט באַ-
צאָלטע ארבעט איז דער י ע ס אָ ד פון קאַפּיטאליסטישער פּראָ-
דוקציע און פון דער ארבעטער-עקספּלואטאציע, וואָס קומט דער-
ביי פאָר.

עס איז דערוויזן, אַז פונם מערוווערט שאפט זיך, אין דער
לעצטער אינסטאַנץ, יענע ווערט-סומע, פון וועלכער עס זאַמלט
זיך און וואקסט בא די פארמעגלאכע קלאסן די גוזמע-קאפּי-
טאַלן. דער פּראָצעס פון קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע און פון
פּראָדוצירן קאפּיטאל איז פארטייטשט געווארן.

8 אַ דאנק די דאזיקע גרויסע אנטדעקונגען — דעם מאטערי-
אליסטישן פאַרשטיין די געשיכטע און דעם דערקלערן די סוי-
דעס פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע — איז דער סאָצי-
אַליזם פון אן אוטאָפּיע פארוואנדלט געווארן אין אַ וויסנשאפט,
וועלכע עס בלייבט נאָך בא היינטיקן טאָג ווייטער צו פונאַנ-
דערארבעטן.

ערשטער אָפּטייל.

די פֿילאָזאָפֿיע.

1. די אנטשטייאונג פֿון דער וועלט.

די אַלטע סוואָרע פֿון כומעש וועגן מאיסע בערײשיס, אַז
די וועלט איז אַן אײביק אומפֿאַרענדערלאַכע, אַ געשאַפֿענע פֿון
גאָרניט, נאָר ווייל גאָט האָט זיך אַזוי פֿאַרגלוסט,—דאָס קאָן דעם
הייטווועלטיקן מענטשן ניט באַפֿרידיקן. די באַאָבאַכטונגען און
פֿאַקטן, וואָס די מענטשהייט זאַמלט שוין דורעס-לאַנג, גייען זיך
גאָר שאַרף פֿונאַנדער מיט דער כומעש-מאיסע. די ערד-אויסגראָ-
בונגען, דאָס דערלערנען די כאַיעס-און געוויקסן-וועלט, דאָס דער-
לערנען די אַנצאָליקע פֿאַרשיידנאַרטיקע שטערן און געפֿלעגישן—
ווייזן קלאָר, אַז אין דער וועלט איז קיין אומפֿאַרענדערלאַכס גאָר
ניט פֿאַראַן. די גאַנצע נאַטור האַלט זיך אין איין אומאויפֿהער-
לאַכן אַנטוויקלען און איין פֿאַרענדערט ווערן. ניט די זון, ניט
די פּלאַנעטן, ניט די פּלאַנעטן-באַגלייטער, ניט די לעבעדיקע אָר-
גאַניזמען זיינען ניט אנטשטאַנען מיט אַמאָל, נאָר זיי זיינען אַפּריי-
ער איבערגעקומען אַגאַנצע ריי פֿון טיפֿע פֿאַרענדערונגען, איידער
זיינען געוואָרן אַזוי, ווי אונזער אויג באַנעמט זיי אַצינד.

דער שטאַנדפּונקט פֿון דער הייטיקער וויסנשאַפֿט אַף דער
אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פֿון דער וועלט איז צוערשט געווען

אַרויסגעזאָגט דורך עם. קאַנט און דורך לאַפּלאַסן. די דאָזיקע
טעאָריע באַשטייט אין פאָלגנדיקן.

די גאַנצע וועלט האָט אַמאָל פאָרגעשטעלט פון זיך אַ קאָ-
לאָסאַלע נעפּלדיקע מאַסע, וועלכע איז באַשטאַנען פון דינעם
שטויב, וואָס האָט זיך באַוועגט אינם אומבאַגרעניצטן וועלט-רוים.

די דאָזיקע מאַסע איז געווען די סאַמע פּריסטע פאָרם פון
30 מאַטעריע צו וועלכער זי היט איין די פייאיקייט זיך אומקערן
אויך היינט. דאָס שליסט לאַכלוטן ניט אויס, פאַרקערט — עס זעצט
פאָרויס דעם געדאַנק, אַז די מאַטעריע איז נאָך ביז צו איר „בע-
ריישיסדיקן נעפּל-צושטאַנד” דורכגעגאַנגען אַן אַ שיר אַנדערע
פאָרמען.

צוליב דעם, וואָס די שטויבעלאַך האָבן זיך צוגעצויגן איינס
צום צווייטן, איז די נעפּלדיקע מאַסע אַלץ פעסטער געוואָרן, אַלץ
געדיכטער און געדיכטער.

פון דער באַוועגונג פון די שטויבעלאַך, פון זייער צונויפ-
שטויסן צווישן זיך האָט זיך אַנטוויקלט וואַרעמקייט, און די נעפּל-
מאַסע איז געוואָרן אַלץ וואַרעמער און וואַרעמער. מיט דער צייט
האָט זיך די מאַסע צעגליט און גענומען לויכטן. דער נעפּל איז
פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געוואַלדיק גרויסן צעגליטן לייכטנדיקן
גאַז-קערן.

וואָס גיכער דער דאָזיקער קערן האָט זיך גענומען דרייען
פלעגן פון אים אָפּפליען גרויסע שטיקער מאַטעריע, וועלכע פלעגן
אופגעריסן און פאַרוואַנדלט ווערן אין פּלאַנעטן און אין זייערע
באַגלייטער. די איצטיקע זון איז אַ רעשטל פונם פאַרצייטיקן
גאַז-קערן.

אונזער ערד, ווי די זון, האָט אַמאָל פאָרגעשטעלט פון זיך
אַ פייערדיק-פליסיקע מאַסע, וועלכע האָט זיך בעהאדראגע אַנט-
וויקלט פון נעפּלעניש, וואָס האָבן זיך באַוועגט אינם קאַלטן
וועלט-רוים. אין מעשעך פון א לאַנגער צייט, פון אַסאַך מיליאָנען
יאָר האָט די ערד, אויסשטראַלנדיק זיך קעסיידער אין קאַלטן רוים
אַריין, ביסלאַכווייז אָפּגעקילט, פאַרלאָרן איר היץ און שיין. דער
אויבערשטער שיכט פון דער פייערדיק-פליסיקער ערד-מאַסע,

קומענדיק אין דירעקטן און נאָענסטן באַריר מיט דער שרעקלאַך קאַלטער טעמפּעראַטור פון וועלט־רוים, האָט זיך אָפּגעקילט אַסאַך גיכער, איידער די איבעריקע ערד־שיכטן און האָט זיך פּאַמעלאַך פאַרוואַנדלט אין דער ערד־קאָרע. די צעשמאָלצענע פייערדיקע מאַסע פונם ערד־קײַלאַך האָט זיך באַדעקט מיט אַ האַרטן הייטל. די ערד האָט אָנגעוואָרן איר שײַן און אויפגעהערט צו זײַן אַ זון.

די פייערדיקע ערד־מאַסע האַלט ווײַטער אין קילן. פונם אָפּקילן ווערט זי אַלץ מער צונויפגעפּרעסט. קומט אויס דעם אויבערשטן ערד־הייטל זיך אַלעמאָל צופּאַסן צו אירע אינווייניקסטע שיטערע מאַסן, וואָס פאַרקלענערן זיך קעסיידער אין פאַרנעם. דריקט זי זיך צונויף, קנייטשט זיך, פאַדעוועט זיך, שפּאַלט זיך, ערטערווייז הויבט זי זיך אויף אָדער לאָזט זיך אַראָפּ. אַזוי בילדן זיך אויס די ערשטע אומגלײַכעניש פונם ערד־פלאַך — די ערשטע הויכעניש, בערג־קייטן, די ערשטע פאַרטיפונגען און נידערונגען.

אין דער מאָס ווי עס קילט אָפּ דער ערד־קײַלאַך, הויבן אָן די וואַסער־דאַמפן, וואָס שוועבן אַרום אין דער אטמאָספער אַרום דער ערד ווי דיקע וואָלקנס, פליסיק ווערן און עס הויבט אָן שרעקלאַך מאַבלען אַף דער ערד. עס בילדן זיך די ערשטע טײַכן, דאָס וואַסער קלײַבט זיך אויף אין די פאַרטיפונגען און נידערונגען, עס אַנטשטייען יאַמען און אָקעאַנען.

פון יענער צײַט הויבט זיך אָן אן אומאויפהערלאַכער קאַמף צווישן דעם וואַסער מיט דער יאַבאָשע. די בערג־רוקנס און הויכקייטן ווערן ביסלאַכווייז צעשווייַנקט דורך די וואַסערן, כוואַליעס פאַרשלעפּן זייערע זעמדעלאַך מיט די ברוך־שטיקער אָפּן יאַם־גרונט אַראָפּ. עס גייען פאַרבײַ מיליאָנען יאָרן — דער יאַם־גרונט נעמט זיך הויבן און עס בילדן זיך אויס נײַע קאָנטינענטן. אַלטע קאָנטינענטן ווערן כאַרעוו פונם וואַסער, די ערד־קאָרע קילט אָפּ אַלץ מער און האַלט זיך אין איין צונויפקוועטשן, עס בילדן זיך דערפון נײַע בערג, נײַע נידערונגען, נײַע יאַמען, פון דער צעשפּאַלטענער קאָרע שלאָגט אַ פייערדיקע לאַווע..

פאַר דער צײַט פון איר לאַנגיאָריקער עקזיסטענץ האָט די ערד פיל מאָל אירע גרעניצן געביטן. איינע און די זעלביקע

געגנט אף דער ערד-פלאַך איז ניט איינמאָל געווען נאָכאַנאַנד דאָס
אַ יאַם, דאָס אַ יאַבאָשע.
הונדערטער מיליאָנען יאָרן האָט די ערד אַרומגעשוועבט
אינם וועלט-רוים, ביז וואַנען עס האָבן זיך אף איר געשאַפן די
גינסטיקע באַדינגונגען פאַרן געבורט פון די ערשטע לעבעדיקע
אָרגאַניזמען. דאָס זיינען, אָן סאַפעק, געווען די פּאַשעטסטע אָרגאַ-
ניזמען, ברעקלאַך לעבעדיקע שליים — פּראָטאָפּלאַזמע, באַקטע-
ריען, מיקראָבן און דעסגלייכן. אין מעשעך פון מיליאָנען יאָרן
האָבן זיך די אופגעקומענע מינים באַשעפענישן פאַמעלאַך פאַר-
ענדערט, געביטן, זיך פאַרוואַנדלט אין מער קאָמפּליצירטע אָרגאַ-
ניזמען, וואָס האָבן באַזעצט די ערד, די אָקעאַנען, די יאַמען און
טייכן. עס האָבן זיך באַוויזן פיש, שראַצים, כאַיעס און — דער
מ ע נ ט ש.

2 די אנטוויקלונג פון דעם לעבן.

די ריכטיקע באַגריפן וועגן דער אַנטוויקלונג פון לעבן האָבן
41 זיך געשאַפן בעהאַדראַגע. אָנהויב 19-טן יאָרהונדערט האָט זיך
געווען אָנגעזאַמלט אַ רייכער מאַטעריאַל פון באַשרייבנדיקער און
אַנאַטאָמישער זאָאָלאָגיע, עס האָבן זיך באַוויזן גאַנצע געביטן פון
וויסנשאַפט, פון וועלכע מ'האָט פריער ניט געהערט און האָבן
געהאַט אַ באַשטימענדיקע באַדייטונג אינם באַגרייפן דאָס געבוי
און די אַנטוויקלונג פון די לעבעדיקע באַשעפענישן אף דער וועלט,
פון אַלע זייערע אומבייטענישן אָדער פאַרוואַנדלונגען אין צייט.
איינע פון די נייע וויסנשאַפטן איז געווען די וויסנשאַפט
וועגן דער אַנטוויקלונג פון עמבריאָן*) בא באַלעכאַים און גע-
וויקסן — די עמבריאָלאָגיע. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער
עמבריאָן שאַפט זיך בא פאַרשיידענע באַשעפענישן אף א ל צ -
א י י ן שטייגער און ערשט צום סאָף, נעענטער צום מאָמענט פון

*) עמבריאָן — הייסט די פאַרבינדונג פון פרוכט אין דעם מו-
טער-לייב.

איבערז.

געבורט, הויבן זיך אָן באַ פאַרשיידענע באַלעכאים די אדער יענע באַזונדערהייטן אין דער פאָרם און אין דעם געבוי פון דער פרוכט אינם מוטער-לייב, די עמבריאַנען פון אַ מענטשן, אַ פיש, אַ פויגל און אַ זשאַבע זיינען אין די ערשטע כאָדאָשים פון טראָגן אזוי ענלאַך צווישן זיך, אַז מ'קאָן זיי ניט אונטערשיידן. דער מענטש אין עמבריאַנאַלן צושטאַנד האָט לעמאָשל, אָטעם-שפּאַלטן (זשאַברעס) ווי יעדער פיש, אַן עק, ווי יעדער עק-באַלכאַי; ביז אַ געוויסער צייט איז דער מענטשלאכער עמבריאָן באַוואַקסן מיט פוך, ווי אַלע זויגער און די אויסבילדונג פון אַלע קערפּער-טיילן קומט באַ אים פאָר, ווי באַ אַנדערע באַלעכאים. מיט איין וואָרט, דער מענטש אין זיין עמבריאַנאַלן צושטאַנד גייט דורך אַלע פאָרם-אויסבייטונגען, ווי די איבעריקע באַלעכאַים.

די צווייטע וויסנשאַפט, וועלכע איז אויפגעקומען אָנהויב 19-טן יאָרהונדערט, איז געווען די פּאַלעאָנטאָלאָגיע, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט דערלערנען די אויסגעגראָבענע רעשטן פון פאַרצייטיקע אָרגאַניזמען. דאָס דערלערנען די אויסגעגראָבענע אָרגאַנישע רעשטן אין פאַרשיידענע שיכטן פון דער ערד-קאָרע האָט דערוויזן, אַז די געוויקסן און די באַלעכאים האָבן זיך אויסגעבילדעט אַף דער ערד נישט איינצייטיק, נאָר בעהאַדראָגע, אין מעשעך פון אַסאַך מיליאָנען יאָרן, דערביי האָבן זיך טכילעס אָרגאַניזירט די נידעריקע פאָרמען, וועלכע זיינען בעהאַדראָגע פאַרביטן געוואָרן אַף העכערע. אין פאַרשיידענע ערד-שיכטן געפינען זיך גאַנץ פאַרשיידענע אָרגאַניזמען. אין די אורעלטסטע שיכטן געפינט מען לאַכלוטן ניט קיין העכערע באַלעכאַים, דאָרט טרעפן זיך נאָר רעשטן פון ווייניקער פולקומע אָרגאַניזמען שלימאַקעס געגלידערטע, פיש א. א. וו. אין שפּעטערדיקע שיכטן באַווייזן זיך שוין ווידמענדיקע באַשעפענישן, און נאָך שפּעטער הויבן זיך אָן צו באַווייזן ביינער פון פויגל און כאַיעס. די אַלע ביידע וויסנשאַפטלאַכע יעדיעס, ווי אויך די באַאָבאַכטונגען איבער דער היינטיקער וועלט פון געוויקסן און באַלעכאַים האָבן געבראַכט צום אויספיר, אַז אָרגאַניזמען זיינען מעסוגל צו ענדערן זיך, אַז די מינים כאַיעס און געוויקסן פון פאַרשיידענע טקופעס

זיינען בעהאדראגע אויסגעשטאָרבן און האָבן אָפּגעטראָטן זייער
אָרט פאַר אנדערע מינים, וועלכע האָבן באַוויזן מער זיך צו צו-
פּאַסן צו די נייסטע לעבנסבאַדינגונגען; די דאָזיקע נייע פאָרמען
קומען ארויס פון די אלטע, דורך לאַנגזאַמע פאַרענדערונגען,
וואָס האָבן זיך געזאַמלט אין מעשעך פון מיליאָנען יאָרן און אי-
בערגעגעבן געוואָרן ביערושע, און דער מענטש אליין האָט
זיך אויסגעבילדעט פון די פאַרגייענדיקע, ווייניקער פולקומע
מינים.

די דאָזיקע אַנטוויקלונג-טעאָריע האָט ברייט פונאַנדערגע-
אַרבעט דער באַוואוסטער ענגלישער נאַטורפאָרשער טשאַרלז
דאַרווין. פון זיינע וויסנשאַפטלעכע באַאָבאַכטונגען איז דאַרווין
37 געקומען צו דעם מיינונג, אַז די מינים פון געוויקסן און באַלע-
כאַים זיינען ניט קיין באַשטענדיקע, נאָר פאַרענדערלאכע; באַזונדער
פיל רייכן מאַטעריאַל האָט ער דערביי געפונען בא די שטוביקע
באַלעכאַים און בא די קולטיווירטע געוויקסן.

דער מענטש קולטיווירט פאַרשיידענע מינים געוויקסן און
באַלעכאַים, וועלכע זיינען איצט שטאַרק פאַרשיידן פון יענע
ווילדע מינים, וועלכע מ'האָט פאַרצייטנס געווען פאַרהיימישט
אָדער קולטיווירט. אַזוי האָט זיך, לעמאָשל, דער מענטש קולטי-
ווירט און באַקומען פאַרשיידנסטע מינים הינט, פון די קלענסטע
שפּיל-הינטלאַך ביז די גרעסטע דאָגן, און זיי צוגעפּאַסט, וועלכע
צו געיעג, וועלכע צו שמירע, און וועלכע צום שפּאַן א. א. וו
אַף אַזאַ שטייגער האָט מען אויך אָפּגעקליבן פאַרשיידענע מינים
שאָף, כאַזיירים, גרויסע געהערנערטע בעהיימעס, פערד, הינער
און באַזונדער טויבן, וועלכע זיינען אַזוי פאַרשיידנאַרטיק אין די
מינים און אין די סימאָנים, אַז ס'איז שווער צו דערקענען אין
זיי נאָהענטע קרויווים, און דאָך קומען זיי אלע ארויס פון איינע
עלטערן, פון איין אָרט: פון דער ווילדער טויב, (וואס איז ענ-
לאַך צו אַ געוויינלאַכער גרוי-בלויער טויב).

די דאָזיקע פאַרשיידנסטע מינים טויבן האָט מען געקאָנט
אויסבילדן דורך קונסטליכן אָפּקלייב פון די פּראָדוצירער און
דורך האַלטן זיי אין אַ באַשטימטער סוויווע. אין מעשעך פון

אסאך דוירעס האָט מען אָפגעקליבן נאָר א זעלכע עקזעמפּליארן, וואָס האָבן געהאַט אין זייערע סימאָנים די געווינשענע אפנייגונג. זיי פלעגט מען האָדעווען באַזונדער, מעזאָוועג זיין, פונם נאָכקום ווידער מאכן אן אָפקלייב, און אזוי ארום פלעגט מען בעהאדראגע דערגרייכן צו א פארשטארקונג און פארפעסטיקונג פון געוויסע באַזונדערהייטן. אף אויסהאָדעווען נייע פאָרמען האָט זיך געפאָדערט, די האָדעוערס זאָלן לאַנג אָפקלייבן די אמ־מערסטן פאַסיקע פראָדוצירער — און באַזייטיקן אַלע ניט־געראָטענע און ניט געוואונשענע מישעלאך און אינדיווידואומען. באַפלייסיגן ארומגיין אָרום זיי, גיט דער דאָזיקער מעטאָד גלענצנדיקע רעזולטאַטן.

דער זעלבער אָפקלייב קומט פאָר, לויט דאַרווינס מיינונג, אין דער נאַטור גופא. אַלע אָרגאַניזמען שטרעבן צו פארמערונג. יעדער באלכאי אדער געוויקס פראָדוצירט אזוי פיל אייעלאך אָדער זוימען, אז ווען זיי אלע זאָלן זיך צונעמען און אויסוואקסן, וואָלטן זיי פאַרפלייצט די גאַנצע יאַבאָשע מיט אלע יאמים און וואָלטן ניט לאזן אנדערע ארגאַניזמען זיך אַנטוויקלען. ווערט אבער אין דער נאטור די דאָזיקע גע׃ערלאכע פארמערונג געשטערט. פיל אייעלאך, זוימען, עמבריאָנען, יונגע און פאַרטיקע געוויקסן און באַלעכאים קומען אום, ווערן אופגעפרעסן פון אַנדערע באַלעכאָים, געפינען ניט קיין דערנערונג א. ד. גל. עס קומט פאָר אין דער נאטור *א קעסיידערדיקער קאמף פאַר דער עקזיסטענץ*. עס בלייבן לעבן נאָר יענע אָרגאַניזמען, וואָס זיינען מער צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען פון אָרט און לעבן. די ווייכע, וואָס זיינען ניט מעסוגל אנטקעגן שטעלן זיך די, פאַר זיי אומגינסטיקע, באַדינגונגען, גייען אומפאַרמיידלאך אונטער, שטארבן אויס און טרעטן אָפּ דעם פּלאַץ פאַר די, וואס האבן מער אויסדויער. דער נאַטירלאכער אָפקלייב קומט פאָר, לויט דאַרווינס טעאָריע, אַף אזא אויפן. אין קיין איין מין קאָן מען ניט געפינען קיין צוויי לאכלוטן גלייכע אינדיווידוען. הייסט עס, אַז ניט אלע אינדיווידוען באזיצן אייגנע און די זעלבע פיאיקייט צו צופּאַסן זיך צו די געגעבענע באַדינגונגען.

לאָמיר זאָגן, עס ווערט טרוקענער דער קלימאט אין אַ וועלכן ביט־איז לאנד. וועלן דעמאָלט בלייבן לעבן נאָר די עקזעמ־פּליארן, וואס קאָנען אויסקומען מיט ווייניקער פייכטקייט, די איבעריקע וועלן אויסדארן און אויסשטאַרבן, די ערשטע וועלן זיך פארמערן און וועלן איבערגעבן זייערע גייסטיקע באזונדער־הייטן בעיערושע דעם קומנדיקן דאָר, פון וועלכן עס וועלן האבן מער שאַנסן אַף אַנטוויקלונג נאָר יענע אינדיווידוען, וועמעס אָרגאַניזם וועט דורך אייניקע פאַרענדערונגען ווערן נאָך מער צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען. אַזוי קומט פאָר די בעהאַ־דראָגעדיקע אַנטוויקלונג. אייגע מינים גייען איינגאַנצן אונטער, זייער פּלאַץ פארנעמען נייע, מער צוגעפּאסטע מינים. דער גע־בראכטער ביישפּיל באַציט זיך. גאַטירלאַך, אויך אַף געוויקסן, פינקט ווי אַף באַלעבאַים.

די פאַרענדערלאַכקייט פון די מינים טרעפט אַ געוויסע שטערונג אין דער יערושעשאַפט, וועלכע שטרעבט, צו פאַרפעס־טיקן און איינצוהאַלטן איבּם נאָכקום די עלטערנס סימאָנים. אָבער אומפאַרענדערטע, ניט קיין צוגעפּאָסטע אָרגאַניזמען גייען אונטער, בלייבן נאָר יענע, וואס האָבן דערוואָרבן די אָדער יענע באַזונ־דערהייט, וועלכע פאַרגרינגערט דעם קאַמף פאַרן לעבן. אַזוי בלייבט שוין דער דאָזיקער נייער סימען, אַ יערושע־סימען, גייט איבער פון דאָר צו דאָר און ווערט נאָך פאַרשטאַרקט אינם נאָכקום.

39. אַזוי ארום ווערט דאָס צופּאַסן־זיך יענער פאַקטאָר, וועל־כער רופט ארויס די פאַרענדערונגען, און די יערושעשאַפט — קאָנסערווירט זיי.

די צופּאַסונג פון אָרגאַניזם קומט פאָר, פאַרשטייט זיך, אָן
40. דער באַוואוסטזיניקער קאַוואָנע מיצאַד דעם לעצטן און שטעלט
פון זיך פאָר, עמעס, אַן אומבאַוואוסטזיניקע, דאָך אַ צוועקמעסי־
קע טעטיקייט. אויב דער וואַלד־פראש און די בוים־פּאַראַזיטן
האָבן אַ גרינע באַפאַרבונג, די באַלעבאַים אין די מידבאַריעס —
אַ זאמד־געלע, און באַלעבאַים אפן צאפן־פאָל האבן דאָס ראָוו
אַ שניי־ווייסע, האָבן זיי זיך אָנגענומען אַזאַ באַפאַרבונג, געוויס

ניט בעקיוון און ניט האבנדיק אין זינען וועלכע ניט איז פאָר-
שטעלונגען: פארקערט, די באַפאַרבונג דערקלערט זיך נאָר מיט
דער ווירקונג פון פיזישע קרעפטן און פון כימישע אגענטן. און
דאך איז קיין צווייפל ניט, אַז די דערמאָנטע באלעכאים האָבן
אָנגעמנדיק אזא באפארבונג זיך דערמיט צוועקמעסיק צוגעפאסט
צו דער סוויווע, אין וועלכער זיי לעבן, אין דעם זינען, וואָס זיי
ווערן ווייניקער אנזיכטיק פאר זייערע סאָנים. דעסגלייכן זיינען
די אָרגאָנען, מיט וועלכע אייניקע געוויקסן כאַפּן אריין די פליי-
געלאך, וואָס האָבן זיך געזעצט אף זיי, צוגעפאַסט, און טאַקע
צוועקסעסיק צוגעפאסט, ספעציעל צו אזא פונקציע.

וואָס איז שאיך דעם מענטשן, קומט ער אויך ארויס פון
[illegible] מינים באשפענישן, וועלכע זיינען לויטן געבוי מֿער נאָענט
צו אים. די פארגלייכנדיקע אנאַטאָמיע האָט באַוויזן, אַז נאָענ-
טער פאר אַלע איז צו דעם מענטשלאכן מין די מענשן-ענלאכע
מאלפע: איר געבוי, דער סקעלעט, מוסקולאטור, נערוון א. א.
אונטערשיידן זיך קימאט ניט פון די זעלביקע טיילן אינם
מענטשנס אָרגאניזם. דער עמבריאָן פון אַ מענטשן און פון דער
מאַלפע-גיבאָן זיינען אזוי ענלאך צו אַנאנד, אז נאָר אינם לעצטן
כוידעש כארן געבורט קאָן מען זיי אונטערשיידן. די אַנטוויקלונג
פונם מענטשן איז דורכגעגאַנגען פריער דורך אלגעמיינע כאישע
פאָרמען און צום סאָף — דורך די פאָרמען פון מענטשן-ענלאכע
מאלפעס. דעם מענטשנס פאָרגייער האָבן אין זייער אנטוויקלונג
אנגעוואוירן אָסאך ניצליכע כושים, דערפאַר אבער באַקומען און
פארפולקומט אנדערע אף זייער אָרט, צווישן זיי דעם וויכטיקסטן,
דעם קאָפּ-מאַרך (געהירן) — דעם אָרגאַן פון געדאנק.

3. דאָס קעמערל· לעבנס-פּראָצעסן.

אַלע אָרגאַנישע קערפּער באַשטייען פון קעמערלאך. דאָס
הייסט פון קליינינקע, קוים איינצוזעען אין אַ שטאַרקער פאַרגרע-
סערונג, ברעקעלאך וויסל-שטאָף מיט אַ קערנדל אין דער מיט.
געוויינטלאך אַנטוויקלט דאָס קעמערל אויך אן אויסנווייניקסטע 43.

הייטל און דאַן איז איר אינהאַלט מער אָדער ווייניקער פליסעדיק.
די סאַמע נידעריקע קעמערל-קערפּער באַשטייען פון אן איין-
איינציקן קעמערל; די גרעסטע מערהייט אָבער פון אָרגאַנישע
וועזנס איז פילקעמערלדיק, זיי שטעלן פאַר א קאָמפּליצירטע
פאַראייניקונג—פון פילקעמערלאַך, וועלכע בא די נידעריקערע אָר-
גאַניזמען זיינען זיי אייגאַרטיקע און בא די העכערע מינים ווערן
זיי שוין פאַרשיידנאַרטיק לויט דער פאָרם פון דער גרופּירונג און
לויט זייער טעטיקייט. אינם מענטשלאַכן אָרגאַניזם, אַשטייגער,
באַשטייען די ביינער, מוסקולן, נערוון, שפּאַן-מוסקעלן, בענדער,
ביין-שלעסער, וויכביינער, הויט—בעקיצער אַלע געוועבן באַשטיי-
ען פון קעמערלאַך אָדער האָבן זיך אַנטוויקלט פון זיי. נאָר אַלע
אָרגאַנישע קעמערל-פאָרמען פּ׳ן דער אַמעבע, וועלכע איז אינ-
גאַנצן בלויז אַ ברעקעלע פּראָטאָפּלאַזמע מיט אַ קערנדל-אינווי-
ניק. דאָס ראָוו אַפילע אָן אַ הייטל, און ביז צו דעם מענטשן
אַליין. אָדער פון דעם מינדסטן איינקעמערלדיקן געוויקס-אָרגאַ-
ניזם ביז צום העכסט-אַנטוויקלטן געוויקס—זיי אַלע פאַרמערן
זיך אַף איינעם און דעמזעלביקן אויפן פון די קעמערלאַך,
דעהיינע—דורך טיילונג. דער קעמערל-קערן דריקט זיך טכילעס
צונויף אין צענטר. די דאָזיקע צונויפּפּרעסונג, וואָס טיילט פאַנאַנ-
דער ביידע קעפּעלאַך באַם קערן, ווערט אַלץ שטאַרקער; ענדלאַך
טיילן זיי זיך ביידע אינגאַנצן אָפּ און בילדן אויס צוויי באַזונ-
דערע קעמערל-קערן. דער זעלביקער פּראָצעס קומט פאָר אין קע-
מערל גופע. יעדערער פון די צוויי קערן ווערט אַ צענטראַל-פונקט, 44.
אַרום וועלכן עס קלויבט זיך אויף דער קעמערל-שטאָף; ביידע מאַסן
שטאָף זיינען נאָך פאַרבונדן צווישן זיך דורך אַ העלזועלע, וואָס
ווערט אַלץ שמעלער און שמעלער, ביז וואַנען די מאַסן רייסן זיך
אָפּ איינע פּ׳ן דער צווייטער; דעמאָלט הויבן זיי אָן לעבן אַף
ווייטער אין דער געשטאַלט פון זעלבשטענדיקע קערנדלאַך. דורך
אַזא פילמאָליקער טיילונג פון קעמערל אַנטוויקלט זיך בעהאדראגע
אַ צייטיקער באַלכאַי פונם עמבריאנאַלן בלעזל אינם באַלכאַיס
איי, נאָכדעם ווי עס איז באַפרוכפּערט געוואָרן; און פונקט אַזוי קומט
פאָר די פאַרביטונג פון אָפּגענוצטן געוועב אינם צייטיקן אָרגאַניזם.

הייסט עס, אַז אַלע אָרגאַנישע קערפּער, אָנגעהויבן פון די נידריקסטע און ביז צו די העכסטע, זיינען ניט מער ווי אָרגאַניזאַציעס פון קעמערלאַך. דער וויכטיקסטער באַשטאַנד-טייל פון די קעמערלאַך איז דער ווייסלשטאָף. און דערום מאַכן אַלע אָרגאַנישע קערפּער דורך די פונקציעס פון ווייסלשטאָף, ד. ה. זיי לעבן און שטאַרבן.

47. דאָס לעבן — דאָס איז די עקזיסטענץ-פאָרם פון ווייסלשטאָף-קערפּער, און די דאָזיקע עקזיסטענץ-פאָרם באַשטייט, דעריקער אין דער קעסיידערדיקער זעלבסטבאַנייאונג פון די באַשטאַנד-טיילן בײַ די דאָזיקע קערפּער, אומעטום, וואו מיר באַגעגענען לעבן, דאָרט געפינען
47. מיר עס פאַרבונדן מיט א וועלכן ניט איז ווייסלשטאָף-קערפּער, אַזוי אויך פאַרקערט. אומעטום, וואו מיר באַגעגענען ערגעץ אַ וועלכן ניט איז ווייסלשטאָף-קערפּער, אויב ער האַלט נאָר ניט אין צעפאַלן ווערן, טרעפן מיר דאָרט אומבאַדינגט אויך היסגאַלעסן פון לעבן. קיין סאָפעק ניט, אַז אויך אַנדערע כעמישע פאַרבינדונגען מוזן זיין אינם לעבעדיקן אָרגאַניזם, אָבער פאַר זיך בלויזן לעבנס-פּראָצעס זיינען זיי ניט אומבאַדינגט נויטיק, אָדער זיי זיינען אַף אַזוי ווייט נויטיק, אַף וויפל זיי קומען אַהין אריין אַלס שפּייז און פאַרוואַנדלען זיך אין ווייסלשטאָף. די נידריקסטע לעבעדיקע באַשעפענישן פון צווישן אַלע באַוואוסטע מינים באַשטייען מער ניט ווי פון אַ בלויזן ברעקעלע ווייסלשטאָף, און די דאָזיקע באַשעפענישן ווייזן שוין אויך ארויס אַלע וויכטיקסטע לעבנס-היסגאַלעסן.

47 איז אין וואָס באַשטייען יענע וויכטיקסטע לעבנס היסגאַלעסן, וועלכע טרעפן זיך אומעטום גלייך בײַ אַלע באַשעפענישן?

קוידעם קאָל דערין, וואָס דער ווייסלשטאָף-קערפּער נעמט
47 אוף פון דער אַרומיקער סוויווע די פּאַסיקע שטאָפן און ארבעט זיי איבער, בעאייס די אַלטע קערפּער-טיילעכלאַך צעפאַלן זיך און ווערן ארויסגעשליידערט. די איבעריקע ניט-לעבעדיקע קערפּער פאַרענדערן זיך אויך, ווערן צעפאַלן און קאָמבינירן זיך אינם שטראָם פון די נאַטירלאַכע דערשיינונגען; אָבער דערביי הערן זיי

אוף צו זיין דאָס, וואָס זיי זיינען פריער געווען. אַ שטיין, וואָס
האָט זיך איינגאַנצן אויסגעוויטערט, איז שוין מער קיין שטיין
ניט. פון אַ מעטאַל, וועלכער ווערט אָקסידירט, ווערט ש ו י ן
זשאַווער. נאָר גראד דאָס, וואָס אינם טויטן קערפּער איז אַ גוי-
רעם פון צעשטערונג, ווירקט אינם ווייסלשטאָף אַלס גרונט-טנאַי
פון עקזיסטענץ. ווי נאָר ס'שטעלט זיך אָפּ די דאָזיקע אומאופּ-
הערליכע פּערמוטאַציע (איבערבייטונג) פון די באַשטאַנד-טיילעכלאַך
אין די ווייסלשטאָף-קערפּער—דער שטענדיקער וועקסל פון שפּייז
און אויסשיידונג, פון דער מינוט אָן ווערט דער גאַנצער ווייסל-
שטאָף פאַרניכטעט, ער צעפאַלט זיך, ד. ה. ע ר ש ט אַ ר ב ט.
דאָס לעבן,—יענע עקזיסטענץ-פאָרם פון ווייסלשטאָף-קערפּער—
קאָן מען, אלזאָ, כאַראַקטעריזירן דערמיט, וואָס יעדער לעבעדי-
קער אָרגאַניזם איז אין יעדן געגעבענעם מאָמענט גלייכצייטיק
ווי ער אַליין אי עטוואָס אַנדערס; יעדן מאָמענט אַרבעט ער איבער
אין זיך שטאָפן אַרייַנגעזאַפּטע פון דרויסן און שליידערט אַרויס
אַנדערע; יעדן מאָמענט שטאַרבן אייניקע קעמערלאַך פון זיין קער-
פּער און עס בילדן זיך אויס נייע; אין פאַרלויף פון אַ מער אָדער
ווייניקער לאַנגער צייט איז שוין דער שטאָף פון דעם קערפּער
לאַכלוטן באַנייט, פאַרביטן דורך אַנדערע מאַטעריעלע אַטאָמען,
אַזוי אַז דער לעבעדיקער אָרגאַניזם קומט אויס טאָמיד אי דער
זעלבער ווי אין דער אייגענער צייט עפּעס אַן אַנדערער. דאָס לעבן
—דאָס איז אַ שטאָף-וועקסל, וואָס קומט פאָר דורך דערנערונג
און אויסשיידונג; ער איז אַ פּראָצעס אַ זעלבשטענדיקער, אַן אייגנ-
שאַפט פון זיין טרעגער—דעם ווייסלשטאָף, אָן וועלכן קיין לעבן
איז ניט מעגלאַך.

47. פון דער וויכטיקסטער פונקציע פון ווייסלשטאָף, ד. ה. פון
שטאָף-וועקסל דורך דערנערונג און אויסשיידונג ווי אויך פון איי-
גנטימליכער פאָרן ווייסלשטאָף פּלאַסטישקייט דרינגען שוין אַרויס
אַלע איבעריקע פּאַשעטסטע לעבנס-פונקציעס: ר יי צ ב א ר ק יי ט
וועלכע איז באַטנאַיט דורכן פּראָצעס פון קעגנזייטיקער ווירקונג
צווישן ווייסלשטאָף און זיין שפּייז; צ ו ג ו י פ ד ר י ק ב א ר-
48. ק יי ט, וועלכע באַווייזט זיך שוין אָף דער נידריקסטער שטופע

בעאייסן איינשלינגען די שפייז; וו א ק ס-פ ע א י ק יי ט, וועלכע
ווייזט זיך ארויס אף די נידריקסטע שטופן גלייכצייטיק מיט דער
פארמערונג (דורך טיילונג) א י נ ווי נ י ק ס ט ע ב אַ ו ע ג ו נ ג,
וואָס אָן איר איז ניט מעגלאך ניט איינשלינגען, ניט איבעראַר-
בעטן, ניט איינזאפן אין זיך די שפייז.

4. זיין און באַוואוסטזיין.

אויבן איז געזאגט געוואָרן, אַז דער באַוואוסטזיין און דאָס
דיינקען זיינען אַ פּראָדוקט פון מענטשלאכן געהירן און אַז דער
13. מענטש אַליין איז אויך אַ פּראָדוקט פון דער נאַטור, וואָס אַנט-
וויקלט זיך אין אַ באַשטימטער סוויווע און צוזאַמען מיט איר.
דערפון איז שוין מעמיילע קלאָר, אַז פּראָדוקטן פון מענטשלאכן
געהירן, וואָס אין דער אונטערשטער שורע זיינען זיי דאָך אַליין
אויך פּראָדוקטן פון דער נאַטור, זיינען קיין סטירע ניט צו אַל
דעם איבריקן וואָס אין דער נאַטור, אדראבע, זיי אַנטשפּרעכן
דעם אלעמען.
אַזוי אַרום דערשיינט דאָס באַוואוסטזיין נישט אַלס אויס-
12. גאנגס-פונקט פון דער אויספאָרשונג, נאָר אַלס איר לעצטער
רעזולטאט און איז נאָר אַף אַזוי פיל ריכטיק, אַף וויפל ער
שטימט מיט דער נאַטור און מיט דער געשיכטע, אַף וויפל ער
איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דער אויסנוועלט אינם מענטשנס קאָפּ.
די אויסנוועלט, די נאַטור איז דער יעסאָד פון אַלע דערשיינונ-
גען, אויך פון אונזער באַוואוסטזיין בעסויכאם. ד אָ ס ז יי ן ב אַ-
ש ט י מ ט ד ע ם ב אַ ו וּ א ו ס ט ז יי ן—דאָס איז דער איינציק-ריכ-
13. טיקער וויסנשאַפטלאכער באַנעמען פון אַלצדינג. יעדער פאַר-
קערטער באַנעמען איז אַ אידעאַליסטישער, ניט קיין וויסנשאַפט-
לאכער. ער דרייט איבער אַלץ קאָפּ-אַראָפּ און בויט דיווירקלאכע
וועלט פון אַ אידייע, פון אייביקן גייסט, וואָס האָט
עקזיסטירט נאך פאר מאיסע-בערייִשיס. דער אידעאַליזם קערט
אום די מענטשהייט צוריק צו די אַלטע נאאיווע כומעש-מאיסעס
וועגן גאט און זיין וועלט-באשאפונג א. א.

דיינקען איז אומשטאנד נאָר די מאטעריע, וועלכע איז אַף אַ באַשטימטן אויפן אָרגאַניזירט—דעם מענטשנס געוויסן. אָן דער מאטעריע איז ניטאָ קיין געדאנק, ניטאָ קיין באוואוסטזיין. מ׳קאָן ניט אָפּשיידן דעם געדאנק פון געהירן, ד. ה. פון דער מאטעריע, וועלכע דיינקט. האלטן, אַז עס עקזיסטירט ערגיץ נאָך אַ פאַר-בערייטסיסדיקע באַוואוסטזיניקע אידייע—הייסט אַזוי גוט ווי דער-לאון דעם געדאנק, אַז אידייען קאנען אנטשטיין ניט אינם מענטשלאכן געהירן, אַז זיי קאנען געבוירן ווערן, בלייבן לעבן און זיך אַנטוויקלען אויסער דעם מענטשנס קאָפּ, אינם פוסטן וועלט-רוים.

דער מאטעריאַליזם זעט איין דעם יעסאד פון דיינקען אין דער אויסנוועלט, אינם זיין. הייסט עס, אַז ניט די אַבסאָלוטע אידייע, נאָר די אויסנוועלט, די נאטור איז דער אָביעקטיווער עמעס, די ווירקלאכקייט, די רעאלקייט. נישט גאָט, וועלכער באַהאַלט זיך ערגיץ אין די נעפּלעגישן פונם „אַבסאָלוטן גייסט" פון די אידעאַליסטן, נאָר די גאשמיעסדיקע וועלט—זי איז דער איינ-ציקער אָביעקטיווער עמעס.

דעם מענטשנס באוואוסטזיין ווערט באַרייכערט דורך דער
14. באאָבאכטונג איבער דער אויסנוועלט, דורך סיסטעמאטישער קאָמ-
בינירונג און דיפערענצירונג פון באזונדערע פאַקטן און דערשיי-
נונגען, וועלכע עקזיסטירן גאָר אומאָפּהיינגיק פונם מענטשנס
באַוואוסטזיין. קיין שום באוואוסטזיין קומט נישט אַלס פּראָדוקט
פון אייגענער שאפונג און פאנטאזיע. אַלע אונזערע קענטענישן
נעמען זיך פון דער דערפארונג, וועלכע די אויסנוועלט גיט אונז.
אַפילע אַזוינע אַבסטראקטע באַגריפן, מיט וועלכע די ריינע מא-
טעמאטיק אָפּערירט, זיינען אנטשטאנען ניט אַנדערש, ווי פון דער
רעאַלער וועלט. די צען פינגער, אַף וועלכע מענטשן האָבן זיך
15. אויסגעלערנט ציילן און רעכענען, ד. ה. מאכן די ערשטע אריפ-
מעטישע אָפּעראציע, זיינען וואָס איר ווילט, אָבער ניט קיין פּראָ-
דוקט פון דער פרייער שאפונג פונם סייכל.

15. די ריינע מאטעמאטיק האָט צו טאן מיט אַזא אָביעקט, ווי
רוימלאכע פאָרמען און צאָל-פאַרהעלטענישן פון דער רעאַלער

וועלט, הייסט עס, מיט זייער רעאַלן מאַטעריאַל. פּונקט ווי די
אַנדערע וויסנשאַפטן, אַזוי איז אויך די מאַטעמאַטיק אויפגעקומען
פון דעם מענטשנס באַדערפענישן: פון אויסמעסטן די ערד,
דעם אַרייננעם פון קיילים פון אויסרעכענען די צייט און די
מעכאַניק. נאָר פּונקט ווי אין אַלע איבעריקע וויסנשאַפטס-געביטן,
זיינען דאָ אויף אַ געוויסער אַנטוויקלונגס-שטופע די געזעצן,
אַבסטראַהירטע פון דער רעאַלער וועלט, אויסגעטיילט געוואָרן פון
14 דער רעאַלער וועלט, איר אַנטקעגנגעשטעלט, ווי פון דרויסן אַראָפּ-
געקומענע געזעצן, לויט וועלכע די וועלט דאַרף זיך באַוועגן.
אַזוי איז אויך געשען מיט דער געזעלשאַפט און מיט דער מעלוכע;
אַזוי אויך איז די ריינע מאַטעמאַטיק שפּעטער געוואָרן אָנגע-
מאָסטן אויף דער וועלט, כאָטש אַליין די מאַטעמאַטיק האָט זיך
גענומען טאַקע פון דער זעלביקער וועלט און איז מער גיט ווי
אַ טייל פון אירע באַשטאַנד-פאָרמען, און אַדראַבע, דערפאַר
טאַקע קאָן מען זי ביכלאַל צו דער וועלט אָנווענדן.

אין פּראָצעס פון זיין אַנטוויקלונג, ווערנדיק באַרייכערט
אַלץ מיט מער און מער דערפאַרונג, דערקענט דער מענטש באַ-
זונדערע טיילן פון דער אָביעקטיווער וועלט. נאָר אונזער דער-
קענטעניש איז רעלאַטיוו (פאַרהעלטנמעסיק). אויסשעפּלאַך; וויסנ-
14 שאַפטלאַך איבערגעבן די פּינקטלאַכע אידעאַלע אָפּשפּיגלונג פון
דער גאַנצער וועלט-סיסטעם, אין וועלכער מיר לעבן, איז
אוממעגלאַך, ווי פאַר אונז, אַזוי אויך פאַר אַלע קומענדיקע
דורעס. ווען אין אַ געוויסן מאָמענט פון דער אַנטוויקלונג פון
דער מענטשהייט וואָלט יאָ צונויפגעשטעלט געוואָרן אַזאַ מין
סיסטעם, וואָס זאָל פולקום אַרומכאַפּן אַלע צווישנפאַרהעלטענישן
פון די וועלט-ערשיינונגען, ווי פיזישע, אַזוי אויך גייסטיקע און
היסטאָרישע, וואָלט שוין דערמיט אַליין געהייסן, אַז די אַנטוויק-
לונג פונם מענטשנס דערקענטעניש האָט זיך פאַרענדיקט און
יעדע ווייטערדיקע מענטשלאַכע אַנטוויקלונג וואָלט זיך אָפּגע-
שטעלט פון דעם מאָמענט אָן. ווען די געזעלשאַפט וואָלט זיך
האָבן אָרגאַניזירט בעהעסקעם מיט דער דאָזיקער וועלט-סיסטעם.
דאָס וואָלט געווען אַ ריינער אַבסורד, אַן אומזין.

קומט הייסט עס אויס, אַז די מענטשן שטייען נאָך פאַר אַ סטירע: פון איין זייט האָבן זיי פאַר זיך אַן אויפגאַבע צו דער־קענען ביזן גרונט די וועלט־סיסטעם אין דעם אַלגעמיינעם צוזאַמענהאַנג פון אירע דערשיינונגען; פון דער צווייטער זייט, אָבער דערלויבט זיי ניט זייער אייגענע נאַטור, ווי אויך די נאַטור פון דער וועלט־סיסטעם קיינמאָל די אויפגאַבע פולקום צו לייזן. די דאָזיקע סטירע אָבער, ניט בלויז וואָס זי שטעקט אין דער נאַטור פון די ביידע פאַקטאָרן—וועלט און מענטש, נאָר זי איז אויך דער וויכטיקסטער הויבער פונם גאַנצן אינטעלעקטועלן פראָצעס.

5. אייביקע עמעסן.

51 אויבן האָבן מיר קלאָר געמאַכט, אַז ווען די מענטשהייט
וואָלט ווען עס איז צוגעקומען צו דער מאַדרייגע פון אָפּערירן
שוין נאָר מיט אייביקע עמעסן, ד. ה. מיט אַזעלכע רעזולטאַטן
פון דיינקען, וואָס פרעטענדירן צו זיין די אַבסאָלוטע וואַרהייט
אַליין, דאַן וואָלט דער גייסטיקער לעבן אירער ווייטער ניט גע־
51 קאָנט פראָגרעסירן.

אָבער עס זיינען דאָך שוין איצט פאַראַן אַזעלכע עמעסן
וועלכע זיינען אַף אַזוי ווייט פעסטגעשטעלט, אַז לייקענען אין
זיי אָדער צווייפלען וואָלט געווען דאָס גרעסטע מעשוגאַס: לע־
מאַשל, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר, אַז די סומע פון די ווינק־
לען אינעם דרייעק איז גלייך צוויי גראַדע ווינקלען, אַז פאַריזש
געפינט זיך אין פראַנקרייך, אַז אָן עסן שטאַרבט דער מענטש
51 פון הונגער און דעסגלייכן. קומט דאָך אויס, אַז עס עקזיסטירן
יאָ אייביקע ענדגילטיקע עמעסן אין דער לעצטער אינסטאַנץ?

געוויס. דעם גאַנצן געביט פון דערקענטעניש קאָנען מיר לויטן אַלטן שטייגער, איינטיילן אין דריי גרויסע סעקטאָרס. דער ערשטער כאַפט אַרום אַלע וויסנשאַפטן וועגן דער אומאָרגאַני־שער נאַטור, וועמענס קעגנשטאַנדן זיינען מער אָדער ווייניקער צוטריטלאַך פאַר דער גענויער מאַטעמאַטישער אויספאָרשונג:

מאטעמאַטיק, אסטראָנאָמיע, מעכאַניק, פיזיק, כעמיע. און ווער ס'האָט האנאָע פון באנוצן היכע ווערטער וועגן פאַשעטע זאכן וועט קאָנען זאָגן, אַז א י י נ י ק ע געגעבענע פון די דאָזיקע וויסנשאפטן, האגאם ווייט ניט אַלע, שטעלן פאָר פון זיך אייביקע עמעסן, ענדגילטיקע עמעסן אין דער לעצטער אינסטאַנץ. דערום רופן זיך די דאָזיקע וויסנשאפטן פ י נ ק ט ל א כ ע.

דאָך, אין זייער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג האָבן די דאָזיקע צנועסדיקע וויסנשאפטן באַגאַנגען דעם אדאם האָרישנס כעט;
זיי האָבן פארזוכט פון אייץ-האַדאַס, וועלכער האָט זיי געעפנט 51
אַ וועג צו קאָלאָסאַלע ערפאָלגן אָבער אויך צו גרויסע בלאָנדזע-
נישן. ווי מ'האָט נאָר אייגעפירט אין דער מאטעמאטיק די
פארענדערלאכע גרויסן און אָנגענומען זייער פאַרענדערלאכקייט
דירעקט ביז צו אומענדלאך קליינע און אומענדלאך גרויסע,
גרויסן, האָט זיך אָנגעהויבן א סעדרע ווידעשפרוכן, און
די מיידלשאפט פון דער אַבסאָלוטער אָנוועגדבארקייט פון
אומאָפגעלייקנטע באַווייזבארקייט פון אַלעס מאטעמאטישעס
איז אָף אייביק פארשוואונדן...

אין דער אסטראנאמיע און מעכאניק האַלט עס נאך ער-גער, און אין פיזיק מיט כעמיע געפינסטו זיך צווישן היפאָטעזן (האשאָרעס), ווי אין דעם צענטר פון א בינשטאָק. די פינקטלאכע יעדיעס וועגן אומטיילבאַרע אטאָמען זיינען שוין געווארן ניט אַזוי „פינקטלאך" און אנשטאט זיי איז געקומען די עלעקטראָנען-היפאָטעזע: די פינקטלאכע געזעצן פון באַוועגונג זיינען גאָר אין דער לעצטער צייט, נאָך איינשטיינס אויספאָרשונג אויך געוואָרן רעלאַטיווע געזעצן. ענטגילטיקע עמעסן אין זייער לעצטער אינ-סטאנץ ווערן מיט יעדן טאג אַלץ זעלטענער און זעלטענער.

נאָך ערגער איז אין דעם פראט מיט דער געאָלאָגיע, וועלכע 51
פארנעמט זיך, ווי איר טאָך דעריקער מיט אַזעלכע פראָצעסן,
באַ וועלכע ניט בלויז מיר זייגען ניט בייגעוועזן, נאָר ביכלאל
קיין מענטש אין דער וועלט ניט. דערום איז דאָ באזונדערס
שווער אַרויסצובאַקומען ענדגילטיקע עמעסן אין דער לעצטער
אינסטאַנץ, און די רעוולטאַטן זייגען זייער קאָרגע.

52 דער צווייטער קלאַס וויסנשאַפטן איז דער, וואָס אַנטהאַלט אין זיך די אויספאָרשונג פון לעבעדיקע אָרגאַניזמען. אַף דעם געביט איז דאָ אַזאַ פילאַרטיקייט פון צווישן פאַרהעלטעניש און אורזאַכלאַכקייטן אַז ניט נאָר וואָס יעדע פאַרענטפערטע פראַגע ברענגט צו פיל נייע פראַגן, נאָר אַפילע יעדע פראַגע באַזונדער, ווערט דאָס ראָוו געלייזט בלויז מיילן-ווייז, דורך אַ ריי אויספאָרשונגען, וואָס ציען זיך אָפט דוירעסלאַנג. באַדערפעניש אין אַ סיסטעמאַטישן פאַרשטיין די צווישן פאַרהעלטענישן צווינגט אונז ווידער צו פאַרבייטן די „ענדגילטיקע עמעסן אין דער לעצטער אינסטאַנץ" אַף אַ היפש ביסל נייע היפּאָטעזן. גאַנץ אָפט קומען אַזעלכע אַנטדעקונגען, ווי די אַנטדעקונג פון קעמערל, וואָס צווינגען אונז לעגאָמרי איבערצוקוקן פון דאָס ניי אַלע ביז אָהער פעסטגעשטעלטע ענדגילטיקע עמעסן אין געביט פון ביאָלאָגיע און איינמאַל פאַר אַלע מאָל באַזייטיקן אַ גאַנצן באַרג זייערע. הייסט עס אַז די וואָס ווילן אין דער דאָזיקער ספערע אַרויסשטעלןווירקלאַכע אַבסאָלוטע אומפאַרענדערלאַכע עמעסן, די מוזן זיך באַגנוגן מיט אַזעלכע באַנאַלקייטן ווי דאָס, וואָס יעדער מענטש מוז שטאַרבן, אָדער וואָס אַלע נעקייוועס באַ די זויג-באַיעס פאַרמאָגן מילך-דריזן א. ד. גל. זיי וועלן אַפילע ניט קאָנען זאָגן, אַז די העכערע באַלעכאַים קומט פאַר די שפייז-פאַרדייאונג דורכן מאָגן און געדערים-קאַנאַל און ניט דורכן קאָפּ, ווייל פאַקטיש איז צום איבערקאָכן נויטיק אויך די נערוון-טעטיקייט, וועלכע איז צענטראַליזירט אין קאָפּ.

52 אָבער נאָך ערגער האַלט מיט דער דריטער גרופּע וויסנשאַפטן, די היסטאָרישע וויסנשאַפטן, וואָס פאָרשן אויס די באַדינגונגען פון מענטשנס לעבן, די געזעלשאַפטלאַכע באַציאונגען, די רעכטלאַכע און מעלוכעשע פאָרמען מיט זייער אידעאַלן איבערבינייען פון פילאָזאָפיע, רעליגיע, קונסט א. א. וו., אין זייער היסטאָרישער נאָכאַנאַנדיקייט און אין איצטיקן צושטאַנד. אין דער אָרגאַנישער נאַטור האָבן מיר, לעפּאָכעס, צו טאָן מיט אַ ריי דערשיינונגען, וועלכע באַוירן זיך איבער גאַנץ רעגולער אין זייערע ברייטע גרעניצן, אַף וויפל עס האָט אַ ווערט אונזער

דירעקטע באַאָפּאכטונג. די מינים אָרגאַניזמען זיינען, אין אַלגעמיין גענומען, פאַרבליבן די זעלבע נאָך פון אריסטאטעל׳ס צייטן. פּארקערט, אין דער געשיכטע פון די געזעלשאפטן איז די איבערכאַזערונג פון די דערשיינונגען אַן אויסנאַם און ניט קיין אַלגעמיינער קלאַל אין דער מאָס וואָס מיר דערווייטערן זיך פונם פּרימיטיוון צושטאַנד פון דער מענטשהייט, פון דער אַזויגערופענער שטיינערנער עפּאָכע. און דאָרט וואו עס מאַכן זיך איבערכאַזערונגען, גייען זיי קיינמאָל ניט דורך אָס בעאַס באַ אַלצאיינע באַדינגונגען.

נעמט, לעמאַשל, די געשיכטע וועגן אַנטשטייאונג פון פּרימיטיוון געמיינדע-אייגנטום אַף ערד באַ אַלע קולטורעלע פעלקער, אָדער די פאָרמען פון זיין צעפאַלונג. דערום איז אונזער וויסנשאַפט אָפּן געביט פון דער געשיכטע פון דער מענטשהייט נאָך מער אָפּגעשטאַנען, ווי אין ביאָלאָגיע. נאָך מער: אויב עס געלינגט שוין אַמאָל, אַלס אויסנאַם, צו דערקענען דעם אינערלאַכן צוזאַמענהאַנג פון געזעלשאַפטלאַכע און פּאָליטישע פאָרמען פון אַ געוויסן היסטאָרישן פּעריאָד, איז אַ קלאַל, אַז דאָס געשיט נאָר דאַן, ווען די פאָרמען זיינען שוין אַף העלפט אָפּגעלעבט און האַלטן שוין באַם אונטערגיין. אַזאַ מין דערקענען טראָגט אין גרונט אַ רעלאַטיוון כאַראַקטער, עס באַגרענעצט זיך מיט קלאָר מאַכן די שאַיכעסן און פּויעל-יוצעס פון באַשטימטע געזעלשאַפטלאַכע און מעלוכעשע פאָרמען, וואָס עקזיסטירן נאָר אין אַ באַשטימטער עפּאָכע און באַ די געגעבענע פעלקער און וואָס זיינען בעטעווע געזעלשאַפטלאַכע און מעלוכעשע איבערגאַנגס-פאָרמען. הייסט עס, ווער עס יאָגט זיך אַף דעם געביט נאָך ענדגילטיקע און אומפאַרענדערלאַכע עמעסן וועט קיין גרויסע מעציעס ניט כאַפּן, אויב ניט רעכענען אַזעלכע אַלגעמיינע פּראַזן פון באַנאַלסטן סאָרט, ווי: אַז מענטשן קאָנען בּיכלאַל ניט לעבן אָן אַרבעט אָדער אַז מענטשן טיילן זיך נאָך אַד האַיאָם אַף הערשער און אונטערדריקטע, אַז נאַפּאַלעאָן איז געשטאָרבן דעם 5-טן מאַי 1895 א. ד. גל.

6. מאָראַל. גוטס און שלעכטס.

55. דער הייפּאַך פון די באַגריפן וועגן גוטס און שלעכטס
אנטוויקלט זיך אויסשליסלאך אפן געביט פון מאָראַל, דאָס הייסט
אין דער ספערן, וועלכע איז שאיעך צו דער געשיכטע פון דער
מענטשהייט, וואו עס טרעפן זיך נאָך זעלטענער ווי אומעטום
ענדגילטיקע עמעסן אין דער לעצטער אינסטאַנץ.
55. בא יעדן פאָלק פלעגן זיך זעלבשטענדיק אַנטוויקלען די
באַגריפן וועגן גוטס און שלעכטס און פלעגן זיך פון דאָר צו
דאָר אַזוי שטאַרק ענדערן, אַז זיי פלעגן מאמעש סויסער זיין
איינע די אַנדערע. קאָן מען דאָך אונז דערווידערן,
55. גוטס איז דאָך פאָרט ניט שלעכטס, און שלעכטס איז ניט גוטס;
אויב צונויפמישן אין איין קאשע גוטס מיט שלעכטס, וועט דאָך
גאָר קיין שום מאָראַל ניט זיין, און יעדער איינער וועט זיך טאָן,
וואס אים גלוסט זיך.
55. די פראגע לייזט זיך אבער גאָרניט אַזוי פּאָשעט. אויב דאס
זאָל זיין אזוי אייגפאַך, דאַן וואלט גאָר קיין שום וויקואך ניט
געווען וועגן גוטס און שלעכטס, דאן וואלט יעדער וויסן, וואס
איז גוטס און וואס איז שלעכטס. וואָס זען מיר אבער אצינד
אין דעם פראט? וועלכע מאראל פריידיקט מען אין אונזערע
יאָרן? קוידעם קאָל, די קריסטלאַך-פעאָדאלע, וואס איז געבליבן
55. בעיערושע פון דער אַלטער רעליגיעזער עפּאָכע; די דאָזיקע טיילט
זיך נאָך ווייטער, פרינציפּיעל, אַף קאטוילישער און פראָטעסטאַנ-
טישער היינט גייט נאָך א ווייטערדיקע טיילונג פון דיביידע אויך,
אָנהויבנדיק פון דער יעזואיטיש-קאטוילישער אָדער אָרטאָדאָק-
סיש-פראָטעסטאַנטישער און ביז דער שוואך באַגרינדעטער מאָ-
ראל. גלייכצייטיק עקזיסטירט די היינטוועלטיקע בורזשואזע מאָ-
56. ראל און, נעבן איר, די פראָלעטאַרישע מאָראל פון דער צוקונפט.
אלזא דער אוועך, דער איצט און די צוקונפט האבן אין די מער
פּראָגרעסיווע לענדער פון אייראפּע באַשאַפן ד ר יי גרויסע גרופּן
מאָראַל-טעאָריעס, וואָס עקזיסטירן פּאַראַלעל און גלייכצייטיק.
וועלכע פון זיי איז די עמעסע?—קיין איינע ניט, אויב מ'רעדט

וועגן זייער אבסאלוטער ענדגילטיקער באַדייטונג. די גרעסטע
צאָל עלעמענטן פון אַ לייגערן קיעם פאַרמאגט, געוויס, די מא-
ראל, וועלכע דריקט אויס בא היינטיקער צייט די מיינונג פון
דער צוקונפט, — דאָס איז, אין געגעבענעם מאָמענט, די פראָ-
לעטאַרישע מאָראל. ווען אבער, יעדערער פון די דריי קלאסן פון
דער היינטיקער געזעלשאפט (די פעאָדאַלע אַריסטאָקראַטיע, די
בורזשואזיע און דער פראָלעטאַריאַט) האָט זיך זיין באזונדערע
מאראל, איז דאך פון דאנען געדרונגען, אז די מענטשן, באוואוסט-
זיניק אדער אומבאוואוסטזיניק, שעפן זייערע מאָראל-אנשויאונגען,
אין דער אונטערשטער שורע, פון די פראקטישע באדינגונגען
פון זייער קלאַסן-לאַגע, ד. ה. פון די עקאנאמישע פאַר-
העלטענישן, וועלכע באטנייען די פראדוצי-
רונג און דעם אויסטויש פון פראדוקטן.
נאָר אין די דריי דערמאָנטע מאָראל-טעאָריעס איז דאָך 56
פאָרט פאַראַן אויך עטוואס אזוינס, וואָס איז פאר אלעמען אלגע-
מיין. צי איז, לעפּאָכעס, דאָס אלגעמיינע דען ניט קיין באשטימ-
טער ביילעק פון דער איינמאל פאר אלעמאָל געגעבענער אייבי-
קער מאָראל? דערוף ענטפערן מיר, אַז די אלע טעאָריעס דריקן
אויס דריי פאַרשיידענע שטופן פון איין און דעמזעלבן היסטאָרישן
פראָצעס, מוזן זיי דאָך האָבן אַ געוויסן אלגעמיינעם היסטאָרישן
אונטערשלאַק; פאַרשטייט זיך, אַז אין זיי איז פאַראַן פיל געמיינ-
זאמס. נאָך מער, פאַר אלצאיינע אדער בעערעך אלצאיינע שטופן
פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג מוזן די מאָראל-טעאָריעס מער
אָדער ווייניקער צונויפפאַלן. פון מאָמענט אָן, זינט עס האָט זיך
אנטוויקלט דאָס פריוואט-אייגנטום, אַף באוועגלאך פאַר-
מעגן האָט פאַר די אלע געזעלשאַפטן, וואו דאס דאָזיקע פריוואט-אייגנ-
טום האָט עקזיסטירט, געמוזט גילטן דער אלגעמיינער מאָראלישער
געבאָט: „לוי סיגנעוו” (מע טאָר ניט גאנוועגען). צו קאָן מען
אָבער צוליב דעם אנרופן דעם געבאָט: אייביקער מאָראלישער
עמעס? ס'הויבט זיך גאָר ניט אָן. שטעלט זיך אקארשט פאָר, ווי
מ'וואלט אין אַ געזעלשאַפט, וואו קיין גנייוועס האָבן שוין קיין
גרונט ניט, וואו גאַנוועוען קאָן סיידן נאָר אַ גייסט-קראנקער

מענטש, אויסגעלאכט יענעם נאָווי, וואָס וואלט זיך פּרואוון אויס.
רופן פייערלאך דעם אייביקן עמעס: „לוי סיגנעוו״!
דערום ווארפן מיר אפּ פון זיך יעדן פּרואוו אונז אנצו-
56 הייגנען אַ וועלכע ס׳ניט איז מאראלישע דאגמאטיק אין דער
געשטאַלט פון אן אייביקן, ענדגילטיקן, אומפאַרענדערלאכן מאָראַ-
לישן געזעץ אונטער דעם אויסרייד, אַז אויך די זיטן-וועלט האָט
זיך אירע אומאיבערגייענדיקע פּרינציפּן, וואָס שטייען העכער
פון געשיכטע און פון נאַציאָנאַלע אונטערשיידן. אדראבּע מיר
טאַינען, אַז יעדע מאָראל-טעאָריע בּיז איצט איז געווען מער
ניט ווי אַ רעזולטאַט, אין דער אונטערשטער שורע, פון דער גע-
געבּענער עקאָנאָמישער לאַגע אין דער געזעלשאַפט און מאכמעס
בּיז איצט האָט זיך די געזעלשאַפט אַנטוויקלט אין קלאַסן-
ווידערשפּרוכן, האָט די מאָראַל געמוזט אַלע מאָל זיין אַ קלאַסן-
מאָראַל: אָדער זי האָט בּאַרעכטיקט די הערשאַפט און די אינטע-
רעסן פון די הערשנדיקע קלאַסן, אָדער, ווען דער אונטערדריק-
טער קלאַס פלעגט ווערן גענוג שטאַרק, פלעגט זי אויסדריקן זיין
צאָרן קעגן דער דאָזיקער הערשונג און פאַרטיידיקן די קומנדיקע
אינטערעסן פון די אונטערדריקטע. אין אלגעמיין, קומט פאָר דער-
בּיי אַ פּראָגרעס אין דער מאָראַל, פּונקט ווי אין די איבּעריקע
צווייגן פון מענטשלאכער דערקענטניש — דערין איז קיין סאָפעק
ניטאָ.
נאָר פון די גרעניצן פון קלאסן-מאראַל זייגען מיר נאָך איצט אוי
56. ניט אַרויס. אַ מאָראַל, וועלכע זאָל שטיין העכער פון די קלאַסן-ווי-
דערשפּרוכן און אויך פון יעדן זייכער זייערן, ווערט מעגלאַך זיין
ערשט נאָר אָף יענער שטופע פון געזעלשאַפטלאכער אנט-
וויקלונג, וואו ניט בּלויז עס וועלן זיין אָפּגעשאַפט די קלאַסן-
היפּוכים, נאָר וואו עס עוועט שוין מאַקע קיין סימען פון זיי
ניט בּלייבּן אינם פּראַקטישן לעבּן.

7. גלייכהייט.

63. די פאָרשטעלונג וועגן דעם, אַז אַלע מענטשן האָבן אין זיך עטוואָס געמיינזאַמס און, אַף וויפל דאָס געמיינזאַמע קלעקט, זיינען זיי צווישן זיך גלייך, — די דאָזיקע פאָרשטעלונג איז פאַרשטייט זיך, זייער אַלט.

63. ס'איז אָבער אַ כילעק פון דער דאָזיקער פאָרשטעלונג ביז דעם מאָדערנעם באַגריף וועגן גלייכהייט, וואָס פאַראייניקט זיך דירעקט מיט דער פאָדערונג פון אַ גלייכער סאָציאַלער און פאָליטישער לאַגע פאַר אַלע מענטשן אָדער, לעפּאָכעס, פאַר אַלע בירגער פון איין מעלוכע, אָדער פאַר אַלע מיטגלידער פון איין געזעלשאַפט. ביז וואַנען פון דער אוראַלטער פאָרשטעלונג וועגן רעלאַטיווער גלייכהייט זאָל זיך אויסאַרבעטן דער נייער באַגריף. וועגן גלייכבאַרעכטיקונג אין דער מעלוכע און געזעלשאַפט און ער זאָל אויסקומען גאָר נאַטירלאַך און זעלבסטפאַרשטענדלאַך, האָט די מענטשהייט באַדאַרפט דורכמאַכן שיינע טויזנטער יאָרן. אין די פאַרצייטיקע נאַטירלאַך אופגעקומענע קעהילעס האָט געקאָנט זיין אַ רייד, העכסטנס, וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פון די קעהילע-מיטגלידער, אויסער פרויען, קנעכט און גיירים. באַ די גריכן און רוימער האָט די אומגלייכהייט פון מענטשן געשפּילט אַסאַך אַ גרעסערע ראָל, ווי די גלייכהייט אין יעדער הינזיכט. דער גע-דאַנק, אַז גריכן מיט באַרבאַרן, פרייע מיט קנעכט, מעלוכע-בירגער מיט סטאַם-לייט, וואָס די מעלוכע באַשיצט, אַז רוימישע בירגער מיט רוימישע אונטערטאַנטען (דאָס לעצטע וואָרט באַנוצט אין ברייטן טייטש) זאָלן קאָנען האָבן די פּרעטענזיע אַף אַ גלייך - פּאָליטישן ווערט, — דער דאָזיקער געדאַנק האָט פאַר די פאַרצייטיקע באַדאַרפט אויסזען ווי אַן אומזין. נאָר אין דער צייט פון דער רוימישער אימפּעריע זיינען די אַלע אונטערשיידן ביסלאַכווייז פאַרווישט געוואָרן, אויסער דעם אונטערשייד צווישן אַ פרייען און אַ קנעכט. אַזוי אַרום, האָט זיך, יעדנפאַלס, פאַר די פרייע געשאַפן אַ גלייכהייט פון פּריוואַטע מענטשן און אַף דעם גרונט איז אויסגעוואַקסן דאָס רוימישע רעכט, וואָס איז

געבויט אף פריוואט-אייגנטום. נאָר אַזוי לאַנג, ווי עס האָט עק-
זיסטירט דער הייפּאַך צווישן פרייע און קנעכט, האָבן נים גע-
קאָנט געמאָלט זיין קיין רעכט, וואס קומען ארויס פון אַלמענש-
לאַכער גלייכהייט. אַ ביישפּיל פון אַזאַ לאַגע האָבן מיר נאָך גאָר
ניט לאַנג געקאָנט זען אין די שקלאפן-שטאטן פון צאָפן-אמע-
ריקאַנישן פאַרבאַנד.
63. דאָס קריסטנטום — די רעליגיע פון קנעכט און אונטער-
דריקטע — האָט געוואוסט נאָר פון איין מין גלייכהייט: גלייכ-
הייט פון געיאַרשנטן אדאם האָרישנס כעט. אויסער דעם האָט עס
העכסטענס, אַנערקענט די גלייכהייט פון אויסדערוויילטע, אגעוו׳
נאָר אין ערשטן פעריאָד פון קריסטענטום האָט זי געהאָט אַ באַ-
זונדער באַדייטונג. אויב מיר געפינען סימאָנים פון בעשוטפעכ-
דיקן פאַרמעגן אין יענעם פעריאָד, דערקלערט זיך דאָס גיכער
דערמיט, וואָס מענטשן גערוידעפטע פון געזעץ האָבן פאַשעט
נויטיק געהאַט זיך צו פאַראייניקן, איידער פון דער היסגאַלעס
פונם הויכן באַגריף וועגן גלייכהייט. איבריגס, האָט זיך אויך
די קריסטלאַכע גלייכהייט גאָר אין גיכן געענדיקט, ווי נאָר
ס׳איז איינגעפירט געוואָרן אַ כילעק צווישן קויהאַנים און איבע-
ריקן אוילעם.
שפּעטער, ווען די גערמאַנער האָבן גאַנץ מאַירעוו-אייראָפּע
63. פאַרפלייצט, איז די גלייכהייט-אידייע פאַרהאַלטן געוואָרן אף גאַנ-
צע יאָרהונדערטער, ווייל אין לעבן האָט געהערשט אַזאַ קאָמפּלי-
צירטע סאָציאַל-פּאָליטישע יערארכיע *) וועלכע מ׳האָט פריער נאָך
ניט געוואוסט. גלייכצייטיק האָט אָבער די דאָזיקע געשעעניש
אריינגעצויגן מאַירעוו און מיטל-אייראָפּע אין דער היסטאָרישער
באַוועגונג און מיטגעהאָלפן אויסצובילדן אין איר שויס קאָמפּאַק-
טע קולטור-געגנטן פון א גאַנצער ריי נאַציאָנאַלע מעלוכעס, וואָס
64. האָבן זיך קעגנזייטיק באַאיינפלוסט און אויך פאַראַליזירט. דאָס
האָט צוגעגרייט אַ באָדן פאר דער שפּעטערדיקער אנטשטייאונג

*) אַ גאַנצער לייטער פון „עלטסטע" איינער איבער דעם צווייטן הער-
שנדיקע. דער נאָמען שטאַמט פון דער קלויסטער-פאַרוואַלטונג.

און אַנטוויקלונג פון דער פראַגע וועגן מענטשלאכער גלייכבאַ-
רעכטיקונג פאַר אַלעמען, וועגן מענטשן-רעכט.
דער פעאדאלער מיטלאלטער האָט אין זיך דערצויגן יענעם
64. קלאַס, וואָס איז שפעטער בארופן געוואָרן צו ווערן דער טרעגער
פון דער מאדערנער פאָדערונג פון גלייכהייט, דעהייסט, די בור-
זשואַזיע. זייענדיק לעכאַטכילע אַ פעאדאלער שטאַנד, האָט זיך די
בורזשואַזיע דעריקער באַשעפטיקט מיט האַנטווערקערישער אינ-
דוסטריע און פראָדוקטן-אויסטויש און האָט די דאָזיקע באַשעפטי-
קונג פארהעלטניסמעסיק גאַנץ הויך אַנטוויקלט אינווייניק אין דער
פעאדאלער געזעלשאַפט. שפעטער, סאָף 15-טן
יאָרהונדערט האָבן די גרויסע אַנטדעקונגען
אָפן יאַם אַרויסגעפירט די בורזשואַזיע אַף אַ נייער ברייטערער
ארענע. דער אויסער-אייראָפייאישער האַנדל האָט זיך פארשפרייט
איצט אַף אַמעריקע און אינדיע, דער אומזאַץ פון די סכוירעס
האָט אינגיכן איבערגעשטיגן דעם אַלגעמיינעם אויסטויש פון באַ-
זונדערע אייראָפייאישע לענדער צווישן זיך. אויך דעם אינערלאכן
אויסטויש אין יעדן לאַנד באַזונדער. דאָס אַמעריקאַנישע גאָלד און
זילבער האָט פארפלייצט אייראָפע, ווי אַ דעמאָראַליזירנדיקער
עלעמענט, זיי זייַנען אַריינגעדרונגען אין אַלע לעכער, שפאַלטן
און שפאַרינקעס פון דער פעאדאלער געזעלשאַפט. די האַנטווער-
קעריי האָט שוין ניט באַפרידיקט דעם וואַקסנדיקן נאָכפרעג; אין
די גרעסטע פראָדוקציאָנס-צווייגן פון דער אינדוסטריע אין פאַר-
געשריטענע לענדער איז זי פארביטן געוואָרן אַף מאַנופאַקטורן.
64. דאָך, ניט באַלד נאָכן גוואַלדיקן פראָצעס פון די עקאָנאָמי-
שע לעבנס-באַדינגונגען אין דער געזעלשאַפט איז אומגעביטן גע-
וואָרן איר פאָליטישער געבוי. די מעלוכע-אָרדנונג איז פאַר-
בליבן אַ פעאָדאלע, בעאַייס די געזעלשאַפט איז געוואָרן אַלץ
מער און מער בורזשואַז. דער האַנדל אַף זיין העכסטער אַנטוויק-
לונגס-שטופע, ד. ה. באַזונדערס דער צווישנפעלקערלאכער, נאָך מער
דער אַלוועלטלאכער האַנדל פאַרלאַנגט אַז די סאָכרים זאָלן זיין
פריי און אומבאַשריינקט אין זייערע באַוועגונגען און זאָלן זיין
גלייכבאַרעכטיקט, ווייל זיי זייַנען גענויט אויסצוטוישן זיך מיט

די פראָדוקטן אַפן יעסאָד פון אַ פאַר אלעמען גלייכן געזעץ, לע-
פאכעס אַף יעדן געגעבענעם ארט.

64 דער איבערגאַנג פון האַנטווערקעריי צו מאַנופאַקטור פאָ-
דערט אַלס פאַרבאַדינג, די עקזיסטענץ פון אַסאַך פ ר יי ע אַר-
בעטער, פרייע פון איין זייט, פון די צעכן-קייטן, צווייטנס —
פון די מיטלען, וואָס זיינען נויטיק אַף אָנצואווענדן זעלבשטענ-
דיק די אייגענע אַרבעטס-קראַפט. דאָס איז נויטיק געווען קעדיי
די אַרבעטער מיט די פאַבריקאַנטן זאָלן באַם שליסן אַן אָפמאַך
וועגן לוין-אַרבעט אַנטקעגן שטיין, אַלס גלייכבארעכטיקטע. ענד-
לאַך, האָט די גלייכהייט און דער גלייכער ווערט פון אַלע מינים
פון מענטשליכער אַרבעט, אַלס מ ע נ ט ש ל א כ ע אַרבעט צוכ-
ראַל, געפונען זייער אומבאַוואוסטזיניקן אָבער זייער בוילעטן
אויסדרוק אינם געזעץ פון ווערט פון דער מאדערנער בורזשואַ-
זער עקאָנאָמיע, לויט וועלכן דער ווערט פון יעדער סכוירע ווערט
געמאָסטן דורך דער צאָל געזעלשאַפטלאַך-נויטיקער אַרבעט, וואָס
ליגט אין איר.

65. דאָרט וואו די עקאָנאָמישע פארהעלטענישן האָבן געפאָדערט
פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג, האָט זיי די פאָליטישע אָרדע-
נונג אנטקעגנגעשטעלט די פענטעס פון צעך און די באַזונדערע
פריווילעגיעס. אָרטיקע פריווילעגיעס, פאַרשיידנאַרטיקע צאָל-שטיי-
ערן און אַלערליי אויסנאַמס-געזעצן האָבן געשטיקט דעם האַנדל
ניט בלויז פאַר די פרעמדלענדיקע אָדער פאר די קאָלאָניע-איינ-
וואוינער נאָר אָפט אויך פאַר גאנצע קאַטעגאָריעס אייגענע אונ-
טערטאנען אין דער מעלוכע. די צעכן-פריווילעגיעס האָבן פון
זייער זייט אַף אלערליי אויפאנים געשטערט דער אנטוויקלונג פון
דער מאַנופאַקטור: זיי פלעגן פאַרניכטן די פרייהייט און גלייכ-
הייט פון שאַנסן באַ די בורזשואַזע קאָנקורענטן בעאייס דאָס איז
געווען דער ערשטער אומבאַדינגטער טנאַי פאר דער אנטוויקלונג
פון דער פראָדוקציע. האַגאַם די פאָדערונג צו באַפרייען זיך פון
די פעאדאלע קייטן און איינשטעלן די גלייכבאַרעכטיקונג דורכן
אָפשאַפן די פעאדאלע אומגלייכהייט איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן
דורכן עקאָנאָמישן פראַגרעס, האָט זי דאָך איינגיכן אָנגענומען

אַסאַך א ברייטערן כאַראַקטער. ווען מע האָט די פאָדערונג אַרויס-
געשטעלט אין די אינטערעסן פון פּראָדוקציע און האַנדל, האָט
מען די זעלביקע באַרעכטיקונג געמוזט פאָדערן אויך פאַר דער
גוואַלדיקער מאַסע פּויערים, וועלכע זייענדיק אַף אַלע מאַדרייגעס
פון אָפּהייניגיקייט ביז פולשטענדיקן לייבאייגנטום, האָבן זיי דעם
גרעסטן טייל אַרבעטס-צייט געמוזט אָפּגעבן אומזיסט דעם איי-
דעלן פעאָדאַל און כוץ דעם נאָך צאָלן אַן אַשיר שטייערן אים
און זיין מעלוכע. אַף אַזאַ אויפן איז אַנטשטאַנען די פאָדערונג
אָפּצושאַפן די פעאָדאַלע פּריווילעגיעס, די צינזן פאַר די פּריצים
און די פּאָליטישע פּריווילעגיעס פאַר באַזונדערע שטאַנדן.
נאָר אַזוי ווי די געשיכטע האָט זיך דעם מאָל אָפּגעשפּילט 65.
ניט בלויז אין איין וועלט-אימפּעריע, ווי א שטייגער רוים, נאָר
אין א גאַנצער סיסטעם פון אומאָפּהייניגיקע מעלוכעס, פאַרבונדענע
צווישן זיך אַף גלייכע יעסוידעס, מאַכמעס דער אַלצאייגער אַנט-
וויקלונג פון דער בורזשואַזער אָרדענונג בא יעדערער פון זיי,
האָט פאַרשטייט זיך, די אויבנדערמאַנטע פאָדערונג אָנגענומען אַן
אַלגעמיינעם כאַראַקטער, אויסער די גרעניצן פון באַזונדערע מע-
לוכעס; דערום איז די געפאָדערטע פרייהייט און גלייכהייט פּראָק-
לאַמירט געוואָרן אַלס דאָס רעכט פונם מענטשן. אַף צו פאַר-
שטיין די ספּעציפיש בורזשואַזע באַדייטונג פון די דאָזיקע „מענ-
טשן-רעכט“, איז כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, וואָס די אַמערי-
קאַנישע קאָנסטיטוציע, וועלכע האָט די ערשטע אָנער-
קענט די מענטשן-רעכט, האָט גלייכצייטיק פאַרהייליקט דורך א
געזעץ, די שקלאַפערײ פון די קאָלירטע מענטשן
וועלכע האָט ביז דעמאָלט עקזיסטירט אין אַמעריקע. קלאַסן-פּרי-
ווילעגיעס ווערן אָפּגעשאַפט, ראַסן-פּריווילעגיעס — ווערן געזעצלאַך
באַגלייך מיט דער בורזשואַזיע, וואָס האָט זיך גענומען באַפרייען
פון די קייטן פון פעאָדאַלן קליינבירגערטום און פאַרוואַנדלט ווערן
פון א מיטלאַלטערלאַכן שטאַנד אין א מאָדערנעם קלאַס, איז, ווי 65.
ס'איז באַוואוסט, קעסיידער און אומפאַרמיידלאַך אַנגעוואַקסן און
זיך אַנטוויקלט דער קלאַס פּראָלעטאַריער. דעסגלייכן ווערן באַ-
גלייט די בורזשואַזע פרייהייט-פאָדערונגען דורך די פּראָלעטאַרישע

גלייכהייט-פאָדערונגען. פון דעם מאָמענט אָן, זינט ס'איז ארויס-געשטעלט געוואָרן די בורזשואזע פאָדערונג אָפּצושאפן די קלאסן-*פּריווילעגיעס*, האָט זיך אויך דערהערט די פּראָלעטארישע פאָדערונג אָפּצושאפן די קלאסן-*אונטערשייד*ן—טכילעס אין אַ רעליגיעזער פאָרם, אנשליסנדיק זיך אין דעם פארצייטיקן לאָזונג פונם קריסנטום און שפּעטער—אין דער פאָרם פון אַ פּאָליטישער פאָדערונג, וועלכע האָט זיך פאררופן אָף די בורזשואזע פאָדערונגען פון גלייכהייט. די פּראָלעטאַריער כאַפּן די בורזשואַזיע באַם וואָרט: זאָל זיך די גלייכהייט אַרויסווייזן ניט בלויז אין געביט פון מעלוכע-פאַרהעלטענישן, זאָל זי פערווירקלאַכט ווערן אין די מאמאָשעסדיקע רעאַלע באַדינגונגען פון געזעלשאַפטלאכן און עקאָנאָמישן לעבן. באזונדערס זינט די פראנצויזישע בורזשואַזיע האָט פון נאָך דער גרויסער רעוואָלוציע אַרויסגערוקט אויבנאָן די בירגערלאַכע גלייכהייט, האָט דער פראַנצויזישער פּראָלעטאַריאַט פון דעמאָלט אָן ניט אופגעהערט צו פאָדערן סאָציאַלע און עקאָנאָמישע גלייכהייט. די פאָדערונג איז געוואָרן דער קאמפּס-רוף באַ די אַרבעטער.

65. די פאָדערונג פון גלייכהייט באַם פּראָלעטאַריאַט אין מויל,
האָט אַלזא, אַ טאָפּלטע באַדייטונג. אָדער זי איז באַזונדער גאָר
אין אָנהייב, לעמאָשל, בעאייסן פויערים-קריג, אַ סטיכייאישע רע-
אַקציע קעגן דער גרויליכער סאָציאַלער אומגלייכהייט, אַ פּראָ-
66. טעסט פון אָרעמע קעגן רייכע, פון קנעכט קעגן האַרן, פון הונ-
געריקע קעגן אויספרייגער, און אַלס אַזעלכע, דריקט זי אויס
גאָר דעם רעוואָלוציאָנערן אינסטינקט און בלויז דערין געפינט זי
איר באַרעכטיקונג, ווען אָבער די פּראָלעטאַרישע פאָדערונג אנט-
שטייט אין דער פאָרם פון אַ רעאַקציע *קעגן דער בור-
זשואַזער* פאָדערונג פון גלייכהייט, שעפּנדיק פון דער לעצטער
מער ריכטיקע און ברייטערע אויספירונגען, אין ווען די דאָזיקע
פאָדערונג ווערט באַגלייט דורך אַן אַגיטאַציע צווישן אַרבעטער
קעגן די קאַפּיטאַליסטן,—דאן ווערט זי באַטנאַיט דורך דער עק-
זיסטענץ פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט און זי קאָן אנטשוויגן
ווערן נאָר נאָכדעם, ווי די דאָזיקע געזעלשאַפט וועט אומקומען.

יעדנפאלס, דער ווירקלאכער אינהאלט פון דער פראָלעטארישער פאָרערונג פון גלייכהייט באַשטייט אין דער פאָדערונג אָ פ צ ו ש אַ פ ן ד י ק ל א ס ן.

66 אַלזא, די פארשטעלונג וועגן גלייכהייט, סאי אין זיין בורזשואַזער סאי אין זיין פראָלעטאַרישער פאָרם, איז א פראָדוקט פון היסטאָרישן פראָצעס, וועלכער האָט געקאנט געשאַפן ווערן נאָר בא געוויסע און באַשטימטע באַדינגונגען, וועלכע זיינען פון זייער זייט, אויך אַ פועל יוצא פון דער פארגאנגענער געשיכטע.

8. פרייהייט און נויטווענדיקייט.

71 אין זיינע באאפאָכטונגען איבער דער נאַטור און דער געזעלשאַפט שטעלט פעסט דער מענטש א באשטימטן אורזאכלאכן צוזאַמענהאַנג צווישן אַלע דערשיינונגען. דעם דאָזיקן צוזאַמענהאַנג רופט ער אָן געזעץ: דעם מענטשנס פרייהייט באַשטייט ניט אין דער איינגעבילדעטער אומאָפהייגיקייט פון די נאַטור-געזעצן, נאָר אינם דערקענען די דאָזיקע געזעצן און אין דער מעגלאַכקייט, וואָס ווערט דערמיט געשאַפן א ו י ס צ ו נ ו צ ן זיי פאַר באַשטימטע צילן. דער פרייער ווילן איז די טייטש ניט מער ווי דעם מענטשנס פייאיקייט צו לייזן פראַגן דורך וויסן די זאַך בעאייס יעדע אומזיכערקייט, וואָס קומט פון ניט קענען די זאַך און קלייבט קלוימערשט אויס פריי צווישן פילע פאַרשיידענע קעגנזעצלאַכע מעגלאַכע לייזונגען, באַווייזט דערמיט אליין איר אומפרייהייט, איר אונטערגעוואָרפנקייט צו יענער ווירקלאַכקייט איבער וועלכער זי האָט דאָך געדאָרפט הערשן. הייסט עס, אַז פרייהייט באַשטייט אין דער הערשונג איבער זיך אליין און איבער דער אויסערלאַכער נאַטור, די הערשונג, וועלכע באַזירט זיך אַפן פאַרשטיין די נאַטירלאַכע נויטווענדיקייט. וואָס מער דער מענטש איז אַנטוויקלט, וואָס בעסער ער קאָן אונטערוואַרפן צו זיך די נאַטור, אַלץ פרייער איז ער. הייסט עס, אַז די פרייהייט ווי דעם מענטשנס וויסן, איז אומבאַדינגט אַ פראָדוקט פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

71 די ערשטע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אויסגעטיילט פון
די באַלעבאָים ווייגען אין אַלע הינזיכטן געווען פונקט אַזוי ניט
פריי, ווי די באַלעבאָים אַליין. נאָר יעדער פּראָגרעס פון קולטור
איז אַ שריט נעענטער צו דער פרייהייט. אין באַגינען פון זיין
געשיכטע האָט דער מענטש אַנדדעקט דעם סייכל, ווי אַזוי צו
באַקומען פייער דורך רייבן; סאָף איצטיקן אַנטוויקלונג-פּעריאָד*)
האָט ער דערפונדן די דאַמפּמאַשין. ניט געקוקט אָף דער אומ-
געהייערער סאָציאַלער איבערקערעניש, וואָס די דאַמפּמאַשין האָט
אָנגעמאַכט,—איז די איבערקערעניש נאָך אַפילע אָף אַ העלפט
ניט פאַרענדיקט, מ׳קאָן זאָגן אָן אַ טאָעס, אַז די דערפינדונג פון
דער דאַמפּמאַשין האָט נאָך ווייט ניט אַזאַ באַדייטונג, לויט איר
ראָלע אין דער פרייהייט-באַוועגונג, ווי די פריצייטיקע אַנטדעקונג
פון פייער, ווייל דער פייער האָט דעם מענטשן צום ערשטן מאָל גע-
מאַכט הערשן איבער אַ געוויסער נאַטור-קראַפט און דערמיט האָט ער
אים ענדגילטיק אָפּגעשיידט פון דער כאַיעשער וועלט. די דאַמפּ-
מאַשין וועט קיינמאָל ניט זיין בעקויאַך מאַכן אַזאַ גרויסן איבערברוך
אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, האָגאָם זי (די מאַשין)
72 איז פיאַיק, אַ דאַנק אירע אומגעהייערע פּראָדוקציענעלע
קויכעס, צו פאַרווירקלאַכן יענע געזעלשאַפטלאַכע אָרדנונג, וואו
עס וועלן קיין קלאַסן-אונטערשיידן ניט זיין, קיין שום דאיגעס
וועגן מיטלען צו פערזענלאַכער עקזיסטענץ, און וואו מ׳וועט צום
ערשטן מאָל קאָנען ריידן וועגןווירקלאַכער מענטשלאַכער פריי-
הייט.

ווי יונג עס איז נאָך די געשיכטע פון דער מענטשהייט
און ווי לעכערלאַך עס וואָלט געווען צוצושרייבן אונזערע איצ-
טיקע אָנשויאונגען וועגן פרייהייט אַ וועלכן ניט איז אייביקע
72 אַבסאָלוטע באַדייטונג, וועלכע הייגגט ניט אָפּ פון היסטאָרישן
פּראָצעס, קאָן מען פאַרשטיין דערפון אַליין, וואָס די גאַנצע
פאַרגאַנגענע געשיכטע פון דער מענטשהייט קאָן זיין כאַראַקטע-

*) געמיינט איז: סאָף 70-ער יאָרן פון 19-טן יאָרהונדערט, ווען ענגעלס
האָט געשריבן זיין „אַנטי-דיורינג״.

ריזירט, ווי די געשיכטע פון א פעריאָד זינט עס איז אַנטדעקט געוואָרן די פּראַקטישע סאַרוואַנדלונג פון מעכאַנישער באַוועגונג אין וואַרימקייט (דאָס קריגן פייער) ביז עס איז אנטדעקט געוואָרן די פאַרוואַנדלונג פון וואַרימקייט אין מעכאַנישער באַוועגונג (דאַמפּמאַשין).

9. רעליגיע.

222 באַ היינטיקן טאָג איז יעדע רעליגיע ניט מער, ווי א פאַנטאַסטישע אָפּשפּיגלונג אין די מענטשלאַכע מויכעס פון יענע אויסערלאַכע קרעפטן, וואָס געוועלטיקן איבער זיי אין זייער טאָג-טעגלאַכן לעבן אָן אָפּשפּיגלונג, אין וועלכער די ערדישע קויכעס נעמען אָן א פאָרם פון איבערנאַטירלאַכע. אין אָנהויב פון דער געשיכטע ווערן אונטערגעוואָרפן צו דער אָפּשפּיגלונג קודעם קאָל די קרעפטן פון דער נאַטור. אין דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג באַווייזן זיך באַ פאַרשיידענע פעלקער גאַנץ פאַרשיידענע פילפאַרביקע פערזאָניפיצירונגען*) פון די דאָזיקע קרעפטן. נאָר באַלד הויבן זיך אָן באַווייזן באַגלייך מיט די נאַטור-קויכעס נאָך געזגלשאַפטלאַכע קרעפטן, וואָס שטעלן זיך אויך אַנטקעגן דעם מענטשן און הערשן איבער אים. זיי בלייבן פאַר אים פונקט אַזעלכע פרעמדע קויכעס, וועלכע באַווייזן א שיינבארע, נאַטירלאַכע נויטווענדיקייט, ווי די נאַטור-קויכעס. די פאַנטאַסטישע געשטאַלטן, אין וועלכע עס האָבן זיך טכילעס אָפּגעשפּיגלט בלויז די געהיימע נאַטור-קויכעס באַקומען איצט א באַדייטונג פון געזעלשאַפטלאַכע אטריבוטן**) און זיי ווערן די פאַרשטייער פון היסטארישע קויכעס. אַף א שפּעטערדיקער אנטוויקלונגס-שטופּע ווערט שוין איבערגעטראָגן דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון נאַטירלאַכע און געזעלשאַפטלאַכע געהיימע קרעפטן אַף איין אַלמעכטיקן גאָט, וועלכער איז אָן אָפּשפּיגלונג פונם אבסטראַקטן מענטש, אַזוי איז

*) פאַרשטעלן אין געשטאַלטן.

**) אַטריבוטן—סימאָנים, אומבאַדינגטע איינגנשאַפטן פון א זאַך אָדער אן ערשיינונג.

אנטשטאַנען דער מאָנאָטעאיזם (גלויבן אין א איינציקן גאָט), ער איז
היסטאָריש געווען דער לעצטער פּראָדוקט פון דער שפּעטערדי-
קער גריכישער וואולגארער פילאָזאָפיע און האָט זיך פארקער-
פּערט אינם אידישן, אויסשליסלאַך נאַציאָנאַלן יהוה (יעהאָווע).
אין אזאַ באקוועמער צוגעפּאַסטער געשטאַלט, וואָס טויג פאַר
אַלעמען, קאָן די רעליגיע ווייטער עקזיסטירן, אַלס דער אויס-
דרוק פון מענטשנס אוממיטלבאַרן געפיל אין א מאַמאָשעסדיקער
פאָרם בענויגייע צו דער עקזיסטירנדיקער באציאונג פון די
מענטשן צו די הערשנדיקע איבער זיי, אומפארשטענדלאכע פאַר
זיי, נאַטירלאכע און געזעלשאַפטלאכע קויכעס, קאָל זמאַן די
מענטשן געפינען זיך אונטערן יאָך פון די דאָזיקע קויכעס.
222 אין היינטיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט ווארפן זיך די
מענטשן אונטער, ווי צו עפּיס א געהיימער קראַפט, צו יענע
עקאָנאָמישע פארהעלטעניש, וועלכע זיי אליין האָבן באשאַפן,
צו יענע פּראָדוקציאָנס-מיטלען, וועלכע זיי אליין האָבן ארויס-
געבראַכט. עס בלייבט אַלזאָ, עקזיסטירן דער פאַקטישער באָדן,
וועלכער שפּיגלט אָפּ אין זיך די רעליגיעזע טעטיקייט, און צו-
זאַמען מיט אים די רעליגיעזע אָפּשפּיגלונג אליין, ד. ה. דער
גלויבן אין איבערנאַטירלאכע קויכעס. און אויב די בורזשואַזע
עקאָנאָמיע ווייזט ארויס א ריכטיקן קוק אף דער אורזאַכלאַכער
אָפּהייניקייט פון דער דאָזיקער אויסערלאכער הערשאַפט, בייט זיך
נאָך דערפון גאָר ניט. די בורזשואַזע עקאָנאָמיע איז ניט בעקויאַך
צו שטעלן זיך אַנטקעגן די קריזיסן ביכלאַל, ניט צו ראַטע-
223 ווען דעם איינצעלנעם קאַפּיטאַליסט פון אָנווער פון האָפנונגלאָזע
כויוועס און פון באַנקראָט, ניט ארויסצוהעלפן דעם איינצעלנעם
אַרבעטער פון אַרבעטלאָזיקייט און פון דאַלעס: דער מענטש
טראַכט און גאָט (דאָס הייסט די אויסערלאַכע הערשאַפט פון
דער קאַפּיטאליסטישער פּראָדוקציע) לאַכט. פּאָשעט דערקענען די
זאַך, זאָל זיין אַפילע ווייטער און טיפער ווי די קענטעניש פון
בורזשואַזער עקאָנאָמיע, איז נאָך ווייניק אף אונטערצואווארפן די
געזעלשאַפטלאַכע קרעפטן צו דער געזעלשאַפט. דערצו איז נויטיק
קוידעם קאָל, געזעלשאַפטלאַכער מאַט.

און אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז דער דאָזיקער טאַט איז געקומען, אַז די געזעלשאַפט האָט אָנגעהויבן אַליין פאַרוואַלטן מיט די פּראָדוקציאָנס-מיטלען, פּלאַנמעסיק זיי באַנוצן, און האָט דורך דעם באַפרייט זיך און אַלע אירע מיטגלידער פון יעגער שקלאַפעריי, אין וועלכער זיי האָבן זיך ביז איצט געפינען, אדאַנק די פּראָדוקציאָנס-מיטלען, וועלכע זיי אַליין האָבן באַשאַפן, נאָר דערנאָך געקראָגן פון זיי א ווידערשטאַנד, ווי פון אויסערלאכע קרעפטן וואָס מע קאָן ניט גוויוועט זיין, דאָס הייסט, אויב מיר זאָלן האַלטן אַז דער מענטש ניט נאָר ער טראכט נישט צו באַזיצן די געזעלשאַפטלאכע קויכעס, נאָר ער האָט צו שאַפן איבער זיי,—דעמאָלט ערשט וועט פאַרשווינדן די לעצטע אויסערלאכע קראַפט, וואָס שפּיגלט זיך נאָך אַד האַיעם אָפּ אין דער רעליגיע. מעמיילע וועט פאַרשווינדן אויך די רעליגיעזע אָפּשפּיגלונג אַליין, פּאַשעט דערפאַר, ווייל עס וועט שוין דעמאָלט ניט זיין וואָס אָפּצושפּיגלען. די רעליגיע וועט באַקומען איר נאַטירלאכן טויט.

10. דיאלעקטיק.

76 קאָל זמאַן מיר באַטראַכטן אַלצדינג אין צושטאַנד פון רו און לעבנלאָזיקייט, יעדע זאַך באַזונדער נעבן און נאָך דער אַנדערער, שטויסן מיר זיך ניט אָן אָף קיין שום ווידערשפּרוכן אין זיי. מיר געפינען אין זיי געוויסע אייגנשאַפטן, אייניקע געמיינזאַמע, אַנדערע—פאַרשיידענע און אַפילע קעגנזעצליכע נאָר יעדנפאַלס זיינען די אייגנשאַפטן פאַרטיילט צווישן פאַרשיידענע זאַכן, הייסט עס, זיי אַנטהאַלטן ניט אין זיך קיין שום סטירע אָף וויפל אַזוינע באַאָבאַכטונגען זיינען פאַר אונז געווען אָף אַזוי פיל קאָנען מיר זיך באַנוגענען מיטן מעטאַפיזישן מעטאָד. גאָר אַנדערש קומט אָבער אויס, ווען מיר הויבן אָן באַטראַכטן די זאַכן אין זייער באַוועגונג, אין זייער פאַרענדערלאכקייט, אין זייער לעבן, אין זייער קעגנזייטיקן איינפלוס. אין דעם פאַל פאַלן מיר טייקעף אַריין אין געביט פון סטירעס.

76 דער יעסאָד פון אַלע נאַטורדערשיינונגען ליגט אין דער באַוועגונג פון דער מאַטעריע. באַוועגונג איז פאַר זיך אַ סטירע:

אַפילע שוין די פּאַשעטע מעכאַנישע באַוועגונג אין רוים קאָן פאַרקומען נים אַנדערש, סיידן אַז דער געגעבענער קערפּער זאָל אין איין און דעמזעלבן מאָמענט זיך געפינען אַף איין אָרט און גלייכצייטיק טאַקע—אַף אַ צווייטן. אַז דער קערפּער זאָל זיך געפינען און נים געפינען אַף איין און דעמזעלבן אָרט. די באַשטענדיקע אַנטשטייאונג פון אַזאַ סטירע און גלייכצייטיקע לייזונג אירע דאָס בילדעט טאַקע די באַוועגונג.

76 דער מעטאַפיזיקער קאָן אַבסאָלוט נים איבערגיין פון דער רו-אידייע צו דער באַוועגונג-אידייע. ווייל דאָ שטעלט זיך אים אין וועג די אַנגעוויזענע סטירע. און ווען ער באַשטעטיקט, אַז באַוועגונג איז אומבאַגרייפבאַר, איז ער געצוואונגען צו אַנערקענען אַז אין די זאכן און דערשיינונגען גופא עקזיסטירט אַן אָביעקטיווע סטירע, וועלכע איז דערצו נאָך א פאַקטישער קויעך אויך.

אויב די פּאַשעטע מעכאַנישע באַוועגונג אין רוים אַנטהאַלט אין זיך אַ ווידערשפּרוך, איז זי נאָך אין אַ גרעסערער מאָס פּאַראַן אין די העכערע פאָרמען פון דער מאַטעריע, און בפּראַט אינם אָרגאַנישן לעבן און אין זיין אַנטוויקלונג. אויבן האָבן מיר געזען, אַז דאָס לעבן באַשטייט קודעם קאָל אין דעם, וואָס דער געגעבענער וועזן איז אין יעדן געגעבענעם מאָמענט דאָס און נים דאָס. הייסט עס, דאָס לעבן אַליין איז אַן אייביק זיך שאַפנדיקע און אייביק זיך לייזנדיקע סטירע, וואָס עקזיסטירט אין די זאַכן און ערשיינונגען גופא. און ווי נאָר עס הערט אוף די דאָזיקע סטירע הערט אוף אויך דאָס לעבן, קומט דער טויט.

75 אַפילע די מאַטעמאַטיק, זי קאָן אויך די סטירעס נים אויסמיידן. פאַר יעדן געזונטן מענטשן קומט אויס זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז גלייך איז נים קרום און קרום איז נים גלייך. נאָר ווי אַף צעלאכעס אַלע פּראָטעסטן פונם מענטשנס סייכל-האַיאָשער, גלייכט צו די מעטעמאַטיק בא געוויסע באַדינגונגען אַ גלייכע ליניע צו אַ קרומער און דערמיט דערגרייכט זי אַזעלכע ערפאָלגן, צו וועלכע דעם מענטשנס סייכל האַיאָשער, וואָס האַלט באַשטימט פאַר אַן אומזין די זעלביקייט פון אַ גלייכער מיט אַ קרומער,

80 וואָלט קיינמאָל ניט געקומען. דער זעלבער ווידערשפּרוך איז פאַ-
ראַן אויך אין דער מאַטעמאַטישער האַנאָכע וועגן דעם, אַז ליניעס
וועלכע שניידן זיך איבער פאַר אונזערע אויגן, דאַרפן אין 6—5
סאַנטימעטער פונם איבערשנייד-פונקט גערעכנט ווערן פאַר פּאַראַ-
לעלע, ד. ה. אַזעלכע וואָס קאָנען זיך ניט איבערשניידן, אָפּילע
מיר זאָלן זיי ציִען אָן אַ סאָף. און פונדעסטוועגן באַקומט די מאַ-
טעמאַטיק דורך אַזעלכע און נאָך שאַרפערע סטירעס איבערראַ-
שנדע ריכטיקע רעזולטאַטן.

די אַלע קלוימערשטע לאָגישע סטירעס געפינען זייער מאָ-
קער אין דער אָביעקטיווער וועלט. אויבן איז געווען געזאָגט אַז
דער יעסאָד פון אַלע נאַטור-ערשיינונגען איז די באַוועגונג פון
דער מאַטעריע. און מאַכמעס באַוועגונג פאַר זיך איז שוין אַליין
אַ סטירע, מוז דער, וואָס וויל די דאָזיקע סטירע ניט אָנערקע-
נען, דערקלערן, אַז באַוועגונג איז ניט מער ווי אַ פאַרבלענדעניש
פון אונזערע כושים. ווער ס'נעמט אָבער אָן, אַז די באַוועגונג
איז אַן אָביעקטיווער פאַקט, דער מוז זיך אומפאַרמיידלאַך שטעלן אַפן
שטאַנדפונקט פון דער דיאַלעקטיק, ד. ה. אויפן שטאַנד-
פונקט, לויט וועלכן אַלע זאַכן אין גאַר דער וועלט זייַנען ניט
קיין באַשטענדיקע נאָר טאָמיד-פאַרענדערלאַכע גייִרסן. זאַכן זייַנען
ניט נאָר גלייַך צו זיך אַליין און בלייַבן די זעלבע פון אָנהויב
ביז סאָף, זיי זייַנען בעטעווע ווידערשפּרעכלאַך, ד. ה. זעלביק און
גלייַכצייַטיק לאַבלוטן פאַרשיידן.

11· אייכעס און קאַמעס. די נעגירונג פון דער נעגירונג

די אַנטוויקלונג אין דער נאַטור און אין דער מענטשלאַכער
געזעלשאַפט קומט פאָר דורך דער אָנזאַמלונג פון קוואַנטיטאַטיווע
(קאַמעסדיקע) פאַרענדערונגען, וועלכע בײַ אַ געוויסער גרעניץ
ברענגען זיי פּלוצים צו קוואַליטאַטיווע (אייכעסדיקע)
פאַרענדערונגען. פון איין דערשיינונג ווערט גאָר אַ צווייטע.
וואַסער, לעמאָשל, בײַ נול גראַד (צעלזיוס) און בײַ אַ נאָרמאַלן
82 אַטמאָספערן-דרוק ווערט פון אַ פליסיקייט אין אַ האַרטן קערפּער

באַ 100 גראַד צ. ווערט פון פליסיקייט א גאַז; בעכיין אַף די דאָ-
זיקע ביידע ווענד-פונקטן ברייננט די פּאַשעטע קאָמעסדיקע פאַר-
ענדערונג אין דער טעמפּעראַטור צו דער אייכעסדיקער פאַרענ-
דערונג אין דעם וואַסער.

דער באַרימטער קריגס-פירער נאַפּאָלעאָן באַשרייבט אַזוי
82 אַ שלאַכט פון דער שלעכט מאַנעווירנדיקער פראַנצויזישער קאַ-
וואַלעריע מיט די מאַמאַלוקעס, וואָס זיינען צו יענער צייט באַ-
שטימט געווען די בעסטע האַנט-פעכטער, אָבער ניט קיין דיס-
ציפּלינירטע רייטער: „צוויי מאַמעלוקעס זיינען בעפּיירעש געווען
שטאַרקער פון דריי פראַנצויזן, הונדערט מאַמעלוקעס האָבן זיך
געגליכן צו הונדערט פראַנצויזן; 300 פראַנצויזן האָבן קימאַט
שטענדיק בייגעקומען 300 מאַמעלוקעס, און 1000 פראַנצויזן פלעגן
גרינג אָפּשלאָגן אן אָנגריף פון 1500 מאַמעלוקעס". די קאָמעסדי-
קע פאַרענדערונגען אין דער פראַנצויזישער קאַוואַלעריע האָבן
געבראַכט צו אן אייכעסדיקן איבערוואָג פון די פראַנצויזן איבער
דער מאַמעלוקישער ניט רעגולערער קאַוואַלעריע, ניט קוקנדיק
אַף זייער גרעסערע מאַסע, אַף זייער גוטן שלאָגן זיך און אַף
זייער בעסערן מאַנעווירן.

דעם איבערגאַנג פון קאָמעס צו אייכעס פאַרענדערונגען קאָן
מען זען אומעטום: ווען איין מין ענערגיע פאַרוואַנדלט זיך אין
אַ צווייטן, באַם אויסבילדן זיך פון אַ גאַנצער ריי פאַרשיידענע
קערפּער אין דער כעמיע דורך אַ פּאַשעטער פאַרגרעסערונג פון
דער צאָל עלעמענטן א. א. וו. לאָמיר נעמען, צום ביישפּיל,
מילבן-זויערס, איר כעמישע פאָרמול איז CH_2O_2, וואו C באַ-
81 צייכנט דעם אַטאָם קוילנשטאָף, H—דעם אַטאָם וואַסערשטאָף און
O—דעם זויערשטאָף, די ציפערן, ווידער, ווייזן וויפל אַטאָמען
פון דעם אָדער יענעם עלעמענט גייען אַריין אין דער געגעבענער
פאַרבינדונג. געבן מיר צו צו דער מאָלעקולאַרער פאָרמול פון מילבן-
זויערס, CH_2, ד. ה. נאָך איין אַטאָם קוילגשטאָף און צוויי אַטאָ-
מען וואַסערשטאָף, אַזוי באַקומען מיר שוין גאָר עסיק-זויערס,
$C_2H_4O_2$, קוואַליטאַטיוו איז עס שוין גאָר א נײַע כעמישע פאַר-
בינדונג, וואָס האָט אין זיך שוין אַנדערע מאַילעס. א שטייגער

מילבן-זויערס פאַרזידט באַ 100 גראַד היץ און שמעלצט זיך באַ 1^0, און עסיק-זויער זידט-אויף באַ 118^0 און שמעלצט זיך באַ 17^0 *)

די קאמעסדיקע פארענדערונג אין דרוק פונם דאמף אף די ווענטלאך פון קעסל העכער פון דער באַשטימטער גרעניץ, ברייינגט צו אַן אייכעסדיקער פארענדערונג ד. ה. צום אופרייס פון קעסל.

די פאַרוואנדלונג פון קאַמעס אין אייכעס איז אייגער פון די גרונט-געזעצן אין דער באַוועגונג פון דער מאטעריע, אים קאָן מען נאָכשפירן אין דער נאטור און אין דער געזעלשאפט אף יעדן שריט און טריט.

לאָמיר אַ קוק טאָן נעענטער, ווי די פאַרענדערונג קומט פאָר- 87
מירן נעמען, צום ביישפיל, אַ גערשטן-קערן. זאָל דער קערן גע- פינען פאר זיך די נאָרמאלע באדינגונגען, זאָל ער אריינפאלן אין אַ גינסטיקן באָרן וועט פון ווארעמקייט און פייכטקייט פאָר- קומען אין אים אַ פארענדערונג, ער וועט אַרויסגעבן אַ שפראָצל

---

*) די פאָלגנדיקע טאַבעלע ווייזט אונז באַשיינפערלאַך, ווי אַזוי דורך אַ קאמעס-פארענדערונג אין דער מאָלעקולארער פאָרמול ווערט יעדער מאָל אויסגעבילדעט אַן אייכעס-פאַרשיידענער קערפער:

דער שמעלץ-פונקט	דער זוד-פונקט	דער נאָמען פון קערפער	די כימישע פאָרמול
1^0	100^0	מילבן-זויער	CH_2O_2
17^0	118^0	עסיק-זויער	$C_2H_4O_2$
—	140^0	פראָפיאָן-זויער	$C_3H_6O_2$
—	162^0	אייל-זויער	$C_4H_8O_2$
—	175^0	וואלעריאַן-זויער . . .	$C_5H_{10}O_2$
. .	. . . .	. . . .	. . . .
80^0	האָט נישט קיין זוד-פונקט, ווייל זי קאָן בכלל נישט אנטפליען אומצושטערהייט	מעליסין-זייער	$C_{30}H_{60}O_2$

דער קערן, אַלס קערן, בלייבט ניט, ער ווערט נעגירט; אַף זיין אָרט באַווייזט זיך אַ געוויקס, פון אים אַרויסגעשפּראָצט — דאָס וועט זיין די נעגירונג פון קערן. אָבער ווי אַזוי איז דער נאָרמאַלער קרייז-לויף פונם לעבן פון דעם געוויקס? עס וואַקסט, בליט, באַפרוכפּערט זיך און פּראָדוצירט, ענדלאַך, ווידער גערשטן-קערנער, און ווי נאָר זיי ווערן צייטיק, שטאַרבט אָפּ דאָס שטייגל, ד. ה. עס ווערט נעגירט אויך. דער סאַכאַקל פון אָט דער נייער נעגירונג, ד. ה. פון דער נעגירונג פונם נעגירטן האָבן מיר, ווידער פון אָנהויב, אַ גערשטן-קערן, אָבער שוין ניט קיין איינציקן, נאָר אַ צענפאַכער, אַ צוואַנציקפאַכער, אַ דרייסיק-פאַכער.

88 פּונקט ווי באַם גערשטן-קערן, קומט דער פּראַצעס אויך פאָר, דאָסראַוו, באַ די אינזעקטן, למשל, באַ די זומער-פויגעלאַך. זיי קומען אַרויס פון דעם אייעלע, נעגירנדיק אים, גייען אַדורך פאַרשיידענע מאַדרייגעס פון פאַרוואַנדלונג ביז צו זייער געשלעכטלאַכער צייטיקייט, דאַן באַהעפטן זיי זיך פאַרוויז און נעגירן זיך ווידער, ד. ה. זיי שטאַרבן גלייך ווי ס'האָט זיך פאַרענדיקט דער פּראַצעס פון פאַרמערן דעם מין, ווי נאָר די „זי" האָט געלייגט אַסאַך אייעלאַך. דעמזעלבן פּראַצעס אַמאָל מער קאָמפּליצירט, זען מיר אויך באַ אַנדערע געוויקס און באַלעבאַים.

די אַנטשטייאונג פון דער וועלט, די אַנטוויקלונג פון מינים איז בעכיין, ווי מיר האָבן געזען באַ נעגירונגען, וואָס ווערן ווידער און ווידער נעגירט, אַ נאָכאַנאַנדיקע צעשטערונג פון אייגנע פאָרמען און אַנטשטייאונג פון נייע, העכערע, מער אַנטוויקלטערע, מער קאָמפּליצירטע.

89 אויך ניט אַנדערש קומט עס צו אין דער געשיכטע פון דער מענטשלאַכער געזעלשאַפט. אַלע קולטורעלע פעלקער הויבן אָן פון דערוף, וואָס די ערד איז באַ זיי אַ קאָהעלשע אייגנטום. באַ די אַלע פעלקער, וואָס האָבן באַוויזן איבערצושפּאַנען אַ געוויסן גראַד פון פאַרצייטיקן צושטאַנד, הויבט אָן דאָס קאָהעלשע אייגנטום דריקן אַף דער ערד-פּראָדוקציע, וואָס מער זי אַנט-

ווילט זיך. דאַן ווערט דאָס קאָהעלשע אייגנטום באַזייטיקט, נעגירט און, נאָך אייניקע מער אָדער ווייניקער לאַנגע צווישנשטופּעס, ווערט פון דעם — פּריוואַט-אייגנטום. נאָר ווען די ערד-אַרבעט דערגרייכט צום העכסטן גראַד פון איר אַנטוויקלונג, טאַקע אַדאַנק דער הערשאַפט פון פּריוואַט-אייגנטום אויף ערד, דעמאָלט דריקט שוין דאָס פּריוואַט-אייגנטום, פון זיין זייט, אויך אויף דער ערד-פּראָדוקציע, ווי מיר זען דאָס היינט אין די קלענערע און גרעסערע ערד-ווירטשאַפטן. און פון דאַנען דרינגט אַרויס די פאָדערונג אָפּצושאַפן, נעגירן פּריוואַט-אייגנטום אויף ערד, מאַכן פון דעם געזעלשאַפטלאַכע אייגנטום. די פאָדערונג הייסט אָבער ניט, אַז מ׳קערט זיך אום צו דעם פּאַרצייטיקן קאָהעלשן אייגנטום: עס ווערט איינגעפירט אַ פיל העכערע אַנטוויקלטערע פאָרם פון געזעלשאַפטלאַכן פאַרמעגן, וועלכע איז גאַנץ ווייט פון צו שטערן דער פּראָדוקציע, אַדראַבע, זי איז באַרופן צו באַפרייען די פּראָדוקציע פון אירע קייטן און געבן איר אַ מעגלאַכקייט פולקאָם אויסצונוצן אַלע היינטיקע כעמישע אַנטדעקונגען און מעכאַנישע ערפינדונגען.

91 אַלזאָ די אַנטוויקלונג פון דער נאַטור, פון געשיכטע און געדאַנק גייט דורך אַ קייט פון נעגירונגען. דאָס איז זייער אַ וויכטיקער געזעץ, וואָס שפּילט אַ געוואַלדיק-גרויסע ראָלע אינם געביט פון געוויקסן און בעלעכאַים, אויך אין דער געאָלאָגיע מאַטעמאַטיק, געשיכטע, פילאָזאָפיע. בענויגייע צו דער בורזשואַזער אָרדנונג באַטייט דער געזעץ — איר נעגירונג, דאָס הייסט, דעם אומפאַרמיידלאַכן אונטערגאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט-סיסטעם.

צווייטער אָפּטייל.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

I מיט וואָס פאַרנעמט זיך די וויסנשאפט און איר מעטאָד.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע, אין ברייטן זין פון ווארט, איז די 95 וויסנשאפט וועגן די געזעצן, וואָס געוועלטיקן אינם פּראָדוצירן און אויסבייטן פון מאטעריעלע לעבנסמיטלען אין די מענטשלאכע געזעלשאפטן. פּראָדוצירן און אויסבייטן זיינען צוויי באזונדערע פונקציעס. די פּראָדוקציע קאָן אויסבייט אויסקומען, דער אויסבייט אָבער,—טאָקע דערפאר וואָס דאָס איז אויסבייט פון פּראָדוקטן,—קאָן, פארשטייט זיך, ניט אויסקומען אָן דער אויס-אַרבעטונג פון די פּראָדוקטן.

די באַדינגונגען, בא וועלכע מענטשן פּראָדוצירן און בייטן אויס זייערע פּראָדוקטן, זיינען אין פארשיידענע לענדער פאר-שיידן און בייטן זיך פון דאָר צו דאָר. דערום קאָן די פּאָליטישע עקאָנאָמיע ניט זיין די זעלביקע פאר אלע לענדער און פאר אלע צייטן. א גאַנצער טהאם געפינט זיך צווישן די לענדער, וואו מ׳באַנוצט נאָך אַ פייל און בויגן מיט שטיינערנע מעסערס און וואו די ווילדע באפעלקערונג בייט זעלטן אויס פּראָדוקטן, און יענע לענדער וואו מ׳האלט שוין בא דאמפמאַשינען פון טויזנט פערד-

קראפט אָדער מעכאנישע וועבשטולן, אייזנבאנען, קאָמערציעלע
אנשטאלטן, ווי דער איינגלישער באנק אַ שטייגער. די איינוואוי-
נער פונם אינזל „פייערדיקע ערד" זיינען נאָך ניט דערגאנגען
צו קיין מאסן-פּראָדוקציע און צו קיין מאַסן-האנדל אפן אל-
וועלטלעכן מארק, אויך ניט צו קיין וועקסל-ספּעקולאציעס און
ניט צו קיין בירושע-מאפּאָלעס. דערום איז ווער עס וויל פאראייניקן
מיט איינע געזעצן די עקאָנאָמיק פון דער „פייערדיקער ערד" מיט
דער עקאָנאָמיק פון היינטיקן איינגלאנד, דער וועט שוין אָף דער
וועלט גאָרנישט ניט ברייגנען, אויסער אַלגעמיינע באנאַלע ווער-
טער. בעכיין, איז די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, לויט איר גאנצן
וועזן, אַ היסטאָרישע וויסנשאפט. זי האָט צו טאָן מיט הי-
סטאָרישן, ד. ה. פארענדערלאכן מאטעריאַל, זי פאָרשט אויס,
קוידעם קאָל, די באוונדערע געזעצן פון יעדער שטופע אין דער
אַנטוויקלונג פון פּראָדוקציע און אויסטויש באזונדער, און ערשט
נאָכדעם קאן זי איינשטעלן אייניקע פולשטענדיקע אַלגעמיינע
געזעצן, וועלכע קאָנען אָנגעווענדט ווערן צו פּראדוקציע און
אויסבייט.

96 אָפּהייגניק פונם אויפן און שטייגער ווי אַזוי עס ווערן
פּראָדוצירט און אויסגעביטן פּראָדוקטן אין אַ באַשטימטער
היסטאָרישער געזעלשאפט, בּאַ באַשטימטע היסטאָרישע עקזיס-
טענץ-באַדינגונגען, ווערט איינגעשטעלט אויך דעם אויפן און די
מיטלען פון פּאַרטיילן די פּראָדוקטן. אין דעם שייוועט
אָדער דאָרפס-געמיינדע מיט איר קאָהעלשן ערד-אייגנטום, וואָס
אַלע קולטורעלע פעלקער זייגען אָנגעקומען אין דער געשיכטע
מיט אים אָדער מיט נעכטיקע רעשטן פון אים, איז זעלבסט-
פארשטענדלאך געווען אַ גאַנץ גלייכמעסיקע פּראָדוקטן-פּארטיי-
לונג; און אויב ערגיץ פלעגט זיך באווייזן אַ מער אָדער ווייני-
קער באַדייטנדיקע אומגלייכהייט, באָם פארטיילן צווישן די גע-
מיינדע-מיטגלידער, איז עס אַ סימען געווען, אַז די געמיינדע
הויבט אָן דארט פאנאנדערפאלן.

די פאָרם פון פּארטיילונג איז זייער פארשיידן סאי באָם
גרויסן סאי באם קליינעם ערדבאזיץ: עס ווענדט זיך אין די

היסטאָרישע באַדינגונגען, באַ וועלכע דער באַזיץ אנטוויקלט זיך געוויס, איז באַ דעם גרויסן ערד-באַזיץ טאָמיד אַן אַנדער 96 פאַרטיילונג, ווי באַם קליינעם. גרויסער ערד-באַזיץ האָט אַ מעווע צו שאפן אַנטקעגנגעזעצטע קלאסן — קנעכט-אייגנטימער פון קנעכט, פריצים-פעאָדאלן און פויערים לייבאייגענע, קאַפּיטאליסטן און לוין-אַרבעטער; באַם קליינעם ערד-באַזיץ אָבער מוזן ניט דאַווקע זיין קלאַסן-אונטערשיידן צווישן די באַזונדערע פערזאָנען וואָס פאַרנעמען זיך מיט ערד-פראָדוקציע; פאַרקערט, אויב אַזעלכע וואָלטן עקזיסטירן, וואָלט עס געהייסן אַן אָנהויב פון יערידע אין דער קליינער פויערישער (פאַרצעלן) ווירטשאפט.

דאָס אופקומען און פאַרשפּרייטן פון מעטאלן-געלט אין אַ לאנד, וואו ביז אַהער האָט זיך אויסשליסלאך אָדער דאָסראַוו געפירט אַ נאַטוראלע ווירטשאפט, ברייינגט טאָמיד צו אַ פאַמע-לאכדיקער אָדער גיכערער איבעראַנדערשונג פון דער פריערדיקער פאַרטיילונג, און גראָד אין זין פון שאפן אַן אומגלייכהייט צווישן באַזונדערע פערזאָנען, באַשאַפט דאָס און פאַרשארפט דעם קעגנזאץ צווישן אָרעם און רייך. אַף וויפל בעאייס דער אָרטיקער צעכן-האנטווערקעריי אין מיטלאלטער איז אוממעגלאך געווען די עקזיסטענץ פון גרויסע קאַפּיטאליסטן און לעבנסלאנגע לוין-אַרבעטער, אַזוי מוזן באַ דער היינטיקער רויסער אינדוסטריע, באַ דער היינטיקער אַנטוויקלונג פון קרעדיט און באַ די עקזיסטירנדיקע אויסבייט-פאָרמען, וואָס האַלטן זיך אַף פרייער קאָנקורענץ, דאַווקע אומפארמיידלאך אופקומען די ביידע קלאסן.

בעכיין, איז גלייכצייטיק מיט דער סיסטעם, וואָס ברייינגט 96 אַן אומגלייכהייט אין דער פראָדוקטן-פארטיילונג, קומען אויך אוף פאַרשיידענע קלאסן פון דער באַפעלקערונג. די געזעלשאפט צעשפאלט זיך אַף פריווילעגירטע און אונטערדריקטע, אַף קלאסן הערשנדיקע און באַהערשטע, אַף עקספּלואַטאַטאָרס און עקספּלואַטירטע. אַזוי אויך באַקומט איצט אַ ספעציעלע באַדייטונג די מ ע ל ו כ ע, וועלכע האָט זיך געווען אַנטוויקלט פון די נאטירלאך-אויסגעוואקסענע גרופן געמיינדעס פון איין שייוועט:

לעכאַטכילע בלויז צוליב באַפרידיקן די געמיינזאַמע אינטערעסן
(לעמאַשל, אין מיזראַך—די באַוואַסערונג) און צו באַשיצן זיך
פון אויסערלאַכע סאָנים: פון איצט אָן אָבער, פאַרהיט די מעלוכע
מיט גוואַלד די עקזיסטענץ און די מעמשאָלע פון די עקספּלואַ-
טירנדיקע קלאַסן.

96 דאָך, די פאַרטיילונג איז ניט בלויז אַ שטומער פּאַסיווער
ס אַ כ אַ ק ל פון פּראָדוקציע און אויסטויש; די פאַרטיילונג
פון איר זייט, ווירקט ווידער צוריק אַף דער פּראָדוקציע
און אַפן אויסבייט. יעדע נייע פאָרם פון פּראָדוצירן אָדער פון
אויסבייטן בלייבט טכילעס באַשריינקט ניט דורך די אַלטע פאָר-
97 מען מיט זייערע געהעריקע פּאָליטישע איינריכטונגען, נאָר אויך
דורך דעם אַלטן פ אַ ר ט יי ל - שטייגער. דורך אַ לאַנגן קאַמף
קומט אויס דער נייער פּראָדוציר-פאָרם זיך דערשלאָגן צו אַ
נייער געהעריקער פאַרטיילונג. נאָר וואָס ריריעוודיקער עס איז
די נייע פּראָדוציר-און אויסבייט-פאָרם, וואָס פּייאיקער זי איז צו
איבעראַנדערשונג און אַנטוויקלונג, אַלץ גיכער דערגרייכט די
פאַרטיילונג אַזאַ מאַדרייגע, ווען זי הויבט אָן איבערשטייגן
די פּראָדוציר-און אויסבייט-פאָרם, וועלכע האָט זי אַליין אַרויס-
געבראַכט, און ווערט ווידערשפּרעכלאַך צו איר.

אַלטע נאַטירלאַך-אויסגעוואַקסענע געמיינדעס, וועלכע זיי-
נען פריער דערמאַנט, קאָנען בלייבן לעבן יאָרטויזנטערלאַנג,
ווי מיר זען דאָס נאָך איצט בא די אינדוסן און סלאַוון, אַזוי
לאַנג, ביז די פאַרבינדונגען מיט דער אַרומיקער וועלט וועלן
ניט שאַפן אינווייניק אין דער געמיינדע קיין פאַרמעגנס-אונטער-
שיידן, וואָס ברייגען צו דיפערענציאַציע. פאַרקערט, די הייגטיקע
קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע, וואָס איז קוים אַלט 300 יאָר און
האָט געגומען הערשן ערשט זינט עס איז דערשינען די שווערע
אינדוסטריע, ד. ה. מיט אַזעלכע העכער הונדערט יאָר צוריק,
האָט שוין פאַר דעם קורצן טערמין באַוויזן צו געבוירן אַזעלכע
קעגנזאַצן אין דער פאַרטיילונג (פון איין זייט די קאָנצענטראַציע
פון די קאַפּיטאַלן אין ווייניקע הענט, פון דער צווייטער זייט—
די קאָנצענטראַציע פון די ניט-פאַרמעגלאַכע מאַסן אין די גרויסע

שטעט), פון וועלכע זי מוז אומבאדינגט אומקומען.

די שאַיכעס צווישן דער פּראָדוקטן-פּאַרטיילונג און די 97
מאַטעריעלע עקזיסטענץ-באַדינגונגען אין דער געגעבענער גע-
געזעלשאַפט שפּיגלט זיך ווי געהעריק אָפּ אויך אַף דער גע-
זעלשאַפטלאַכער פּסיכיק. קאָל זמאַן אַ געוויסע פּראָדוציר-פאָרם
איז אין דער שטייגונג-סטאַדיע פון איר אַנטוויקלונג, זינגען איר
לויבגעזאַנגען אַלע, אַפילע די וואָס לייזן פון איר דעם רעכטן
פּסאַק. אַזוי איז געווען מיט די איינגלישע אַרבעטער, בעשאַס
דעם אַנטשטיין פון דער גרויסער אינדוסטריע. נאָך מער, קאָל
זמאַן די דאָזיקע פּראָדוציר-פאָרם קומט פאַר געזעלשאַפטלאַך-
נאָרמאַל, בלייבט דער אוילעם אין אַלגעמיין צופרידן מיט דער
פּאַרטיילונג, פּראָטעסטן לאָזן זיך דעמאָלט הערן סיידן מיצאַד
מענטשן וואָס שטאַמען פונם הערשנדיקן קלאַס (סען-סימאָן, פוריע,
אָאוען), און געפינען ניט קיין שום אָפּקלאַנג בײַ די עקספּלואַטירטע
קלאַסן. ווען אָבער די געגעבענע פּראָדוציר-פאָרם גייט שוין אין
אַ געוויסן גראַד באַרג-אַראָפּ אין איר אַנטוויקלונג, ווען זי איז
שוין אַף דער העלפט אָפּגעלעבט, און עס פאַרשווינדן די באַ-
דינגונגען, וואָס האָבן איר צום לעבן געבראַכט, — ערשט דאַן
דערזעט מען, אַז די אַלץ ווייניקער גלייכמעסיקע פּאַרטיילונג איז
אַן אומגערעכטיקע, דעמאָלט ערשט הויבט מען אָן אַפּעלירן פון
דער אָפּגעלעבטער ווירקלאַכקייט צו דעם אַזוי-גערופענעם אייביקן
יוישער און גערעכטיקייט, דער בלויזער רוף צו מאָראַל און רעכט
ברענגט אונז, וויסנשאַפטלאַך גענומען, ניט אַף קיין האָר ווײַ-
טער. די עקאָנאָמישע וויסנשאַפט זעט ניט אין דער מאָראַלישער
אומצופרידנקייט. ווי גערעכטיק זי זאָל ניט זײַן, קיין שום
באַווײַז, גאָר מער ניט ווי אַ סימען, אַ סימפּטאָם. אַדרעבע, די
וויסנשאַפטלאַכע אויפגאַבע איז צו דערווײַזן, אַז די דערשיינענע
פעלערן אין דער אַלגעמיינער אָרדנונג זײַנען די נויטיקע
פּויעל-יויצעס פון דער עקזיסטירנדיקער פּראָדוציר-פאָרם. און
זײַנען גלײַכצײַטיק אויך סימאָנים פון איר נאָענטן סאָף; זי
דאַרף אויפדעקן אין דער צופוילטער עקאָנאָמישער פאָרם פון דער
באַוועגונג די עלעמענטן פון יענער קומענדיקער אָרגאַני-

זירונג פון פראָדוקציע און אויסבייט וועלכע וועט ערשט די
אַלע פעלערן פאַרניכטן.

היינטיקע עקאָנאָמישע וויסנשאַפט פאַרנעמט זיך קימאַט
אויסשליסלאַך נאָר מיט דער אָפּשטאַמונג און אַנטוויקלונג פון דעם 98
קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוציר-שטייגער; זי הויבט אָן פון קריטיקירן
די רעשטן פון פעאָדאַלער פּראָדוציר-און אויסבייט-פאָרם, ווייזט
אויף, ווי נויטיק עס איז געווען זי צו פאַרבייטן אַף קאַפּיטאַליס-
טישע פאָרמען; שפּעטער אַנטוויקלט זי די געזעצן פון קאַפּיטאַ-
ליסטישן פּראָדוציר-שטייגער און פון זיינע געהעריקע פאָרמען, פון
זייער גוטער פּאָזיטיווער זייט, ד. ה. אַף וויפל זיי אַנט-
שפּרעכן נאָך די אינטערעסן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט; צום
סאָף פאַרענדיקט זי מיט קריטיקירן אַף אַ סאָציאַליסטישן אויפן
די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוציר-פאָרם, ד. ה. מיט באַשרייבן די
געזעצן פון זייער שלעכטער נעגאַטיווער זייט, אויפווייזנדיק, ווי
אַרום די פּראָדוקציע שטרעבט אין איר ווייטערדיקער אַנטוויק-
לונג צו יענעם אומפאַרמיידלאַכן פונקט, וואו זי וועט ווערן אומ-
מעגלאַך אַף ווייטער.

די דאָזיקע קריטיק באַווייזט, ווי די קאַפּיטאַליסטישע פאָר-
מען פון פּראָדוקציע און אויסבייט באַקומען אַלץ מער דעם כאַ-
ראַקטער פון אומדערטרעגלאַכע קייטן פאַר דעם פּראָדוצירן גופא;
ווי אין העסקעם מיט די פאָרמען האָט זיך איינגעשטעלט אויך
אַזאַ פּראָדוקטן-פאַרטיילונג, וואָס פאַרשאַרפט קעסיידער די שטיי-
גנדיקע סינע אין די קלאַסן-באַציאונגען און פאַרשאַרפט מיט יעדן
טאָג מער די ווידערשפּרוכן צווישן אַ הייפל קאַפּיטאַליסטן, וואָס
באַרייכערן זיך אַלץ מער, מיט אָן אַ שיר אומפאַרמעגלאַכע, שלעכט
באַזאָרגטע לוין-אַרבעטער, וואָס ווערן פון טאָג צו טאָג פאַראָרימ-
טער; און ענדלאַך, ווי אַזוי בעאַייס דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדו-
ציר-שטייגער שאַפן זיך מאַסנווייז פּראָדוציר-קרעפטן, וועלכע קאַ-
נען ניט ראַציאָנעל אויסגענוצט ווערן און וואַרטן ערשט איבער-
צוגיין אין רעשוס פון יענער געזעלשאַפט, וואָס וועט זיך אָרגאַ-
ניזירן, קעדיי פּלאַנמעסיק בעשוטפעס אַלעמען צו שטעלן אַר-
בעטן, קעדיי צו זיכערן יעדן מיטגליד פון געזעלשאַפט זיינע

עקזיסטענץ-מיטלען און די מעגלאכקייטן פריי צו אַנטוויקלען זייַנע
פעאיקייטן און באַדערפענישן.
ס'איז אָבער נאָך ווייניק געווען זיך צו באַקענען מיט די
קאַפּיטאַליסטישע פאָרמען פון פּראָדוצירן, אויסבייטן און פאַר-
טיילן, קעדיי פולשטענדיק צו פאַרענדיקן די קריטיק פון דער 98
בורזשואַזער עקאָנאָמיע. מ'האָט געמוזט, זאָל זיין אין אַלגעמיינע
שטריכן, אויספאָרשן און ברייַנגען צו פאַרגלייַך די פריערדיקע
פאָרמען, אָדער די וואָס עקזיסטירן איצט אייַנצייטיק אין אַנדערע
לענדער. אַזאַ אויספאָרשונג און פאַרגלייַכונג האָט דורכגעפירט
קאַרל מאַרקס אין זייַנע ווערק און נאָר אים אייַנעם האָבן מיר צו
פאַרדאַנקען פאַר דעם אַלץ, וואָס העלפט אונז מיט צו דערקלערן
די גרונט-האַנאָכעס פון דער פאַרבורזשואַזער טעאָרעטישער עקאָ-
נאָמיע.
די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, אין אייַגערן זין פון וואָרט, איז 98
האַגאַם אנטשטאַנען סאָף 17 יאָרהונדערט, נאָר אייגנטלאָך איז זי
געבאָרן געוואָרן אין 18 יאָרהונדערט, אייַנג פאַרבונדן מיט דער
עפּאָכע פון די גרויסע פראַנצויזישע אופקלערער מיט זייערע אנט-
דעקונגען, און האָט אָף זיך סימאָנים פון אַלע מאַילעס און כעס-
רוינעס פון יענער עפּאָכע. דאָס, וואָס איז פריער געווען געזאָגט
וועגן די אופקלערער פון יענער עפּאָכע, באַציט זיך אויך
צו די דעמאָלדיקע עקאָנאָמיסטן. פאַר זיי האָט די עקאָנאָמישע
וויסנשאַפט געדינט ניט אַלס אויסדרוק פון די פאַרהעלטעניש
און באַדערפענישן פון דער עפּאָכע, נאָר פּאַשעט אַלס פּרוכט פון
אייביקן סייכל. אַנטדעקנדיק דורך איר די געזעצן פון פּראָדוציר
און אויסבייטן, האָבן זיי געהאַלטן, אַז דאָס זייַנען ניט קיין גע-
זעצן פון א היסטאָריש באַשטימטער פאָרם פון עקאָנאָמישער טע-
טיקייט, נאָר אייביקע נאַטור-געזעצן, וועלכע זיי פלעגן אויסברייַ- 99
ען פונם מענטשנס נאַטור. טראַכט מען זיך אָבער גוט אריין, דאַן
ווייַזט זיך ארויס, אַז דער „מענטש“ דאָס איז געווען אַ פּאַשע-
טער מיטל-בירגער פון יענער צייט, וואָס האָט אָנגעהויבן ווערן
אַ בורזשואַ און זיין „נאַטור“ איז באַשטאַנען בלויז דערין, וואָס
ער האָט פּראָדוצירט סכוירעס אף א פאַבריק-אויפן און האָט סייכל

געהאט צו האַנדלען לויט די דעמאָלט הערשנדיקע, היסטאָריש-
באַשטימטע פאַרהעלטענישן.
103 די מיטלאַלטערלאַכע מיסטיקער, די דעמאָלדיקע טרוימער
פון אַ טויזנטיאָריקער מלוכע, פלעגן שוין אַנערקענען די
אומגערעכטיקייט פון די קלאַסן-ווידערשפרוכן. באַגינען פון דער
נייער געשיכטע, מיט א 400 יאָר צוריק, האָט טאמאַ מיונצער שוין
אָנגעזאָגט דער גאַנצער וועלט די דאָזיקע מיינונג: בעשאַס די
בורזשואַזע רעוואָלוציעס אין איינגלאַנד און פראַנקרייך האָט זיך
אויך געלאָזט הערן דער זעלבער רוף, נאָר שפּעטער איז ער אנט-
שוויגן געוואָרן. פון וואַנען זשע קומט עס, וואָס דער זעלבער
רוף אָפּצושאַפן דעם ווידערשפרוך און אונטערשייד פון קלאַסן,
וועלכער האָט ביזן 1830 יאָר קיין אָפּקלאַנג ניט געפונען בײַ די
ליידנדע אַרבעטס-מאַסן, האָט איצט געפונען מיטגעפיל בײַ מילי-
אָנען אַרבעטער, און די אידייע פון קלאַסנקאַמף גייט איבער פון
לאַנד צו לאַנד, פונקט מיט אַזאַ סיידער און אַף אַזוי פיל איינ-
103 טענסיוו, אַף וויפל אין די זעלבע לענדער אַנטוויקלט זיך די שווע-
רע אינדוסטריע? היינט זען מיר נאָך, אַז אין מעשעך אינגאַנצן
פון איין דאָר האָט דער קלאַסנקאַמף דערוואָרבן אין זיך אַזאַ קוי-
אַך, ניט בייצוקומען אים, וואָס לאָזט די אַרבעטער פעסט האַפן
איינגיכן אַף אַ זיג. ווי קומט דאָס אַלץ?—דערפון, וואָס די היינ-
טיקע גרויסע אינדוסטריע האָט, ערשטנס, באַשאַפן דעם פּראָלע-
טאַריאַט, אַ קלאַס וואָס איז, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע
בעקויאַך צו פאָדערן די אָפּשאַפונג ניט נאָר פון אַ געוויסער ספּע-
ציעלער קלאַסן-פּריווילעגיע, נאָר פון קלאַסן-צעטיילונג ביכלאַל,
ווייל ער געפינט זיך אין אַזאַ לאַגע, אַז ער מוז די פאָדערונג
דורכפירן, אַניט איז אַ סאַקאָנע פאַר אים ער זאָל ניט אַריינ-
פאַלן אין צושטאַנד פון די כינעזישע קולי'ס. צווייטנס, האָט די
זעלביקע גרויסע אינדוסטריע באַשאַפן אין דער געשטאַלט פון
דער בורזשואַזיע אַזאַ קלאַס, וואָס האַגאַם ער פאַרמאָגט אין זיינע
הענט די מאָנאָפּאָליע אַף אַלע פּראָדוציר-געצייגן און לעבנסמיט-
לען, דאָך באַווייזט ער יעדן מאָל, ווען נאָך אַ ספּעקולאַציע קומט
אַ מאַפּאָלע, אַז ער איז געוואָרן אומפייאיק ווייטער צו

הערשן איבער די פראָדוציר־קויכעס ווייל זיי זיינען איבערגע־געוואָקסן אים מיט זיין קויאַך;— אַ קלאַס, וואָס אונטער זיין פי־רונג פליט די געזעלשאַפט גלייך צו אַ קאַטאַסטראָפע, ווי אַ לאָ־קאָמאָטיוו, וואָס דער מאַשיניסט האָט קיין קויאַך ניט אופצורוקן דאָס רעטונגס־לופטערל. אנדערש גערעדט, דער באַצייכנטער פאקט דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די פראָדוציר־קויכעס און די פאר־טיילונגס־סיסטעם, וועלכע דער היינטיקער קאַפיטאַליסטישער פראָ־דוציר־שטייגער האָט געשאַפן, זיינען אין אַ געפערלאכער סטירע צו דעם פראָדוציר־שטייגער גופע, און דערביי אף אַזוי וויט, אַז איבעראַנדערשן די פראָדוציר־און פאַרטיילונגס־פאָרם, קעדיי אָפּשאַפן אַלע קלאַסן־אונטערשיידן, וואָלט געהייסן ברייגגען די גאַנצע געזעלשאַפט אין אַ סאַקאָנע אומצוקימען אינגאַנצן. אָט אין דעם באַשיימפערלאכן מאַטעריעלן פאקט, וואָס דרינגט אַריין מער אָדער וויניקער קלאָר, נאָר יעדנפאַלס אַלס אַ אומבאַשטרי־טענע נויטווענדיקייט אינם באַוואוסטזיין פון די עקספּלואַטירטע מאַסן,—אין אים, און ניט אין קיין פאָרשטעלונג פון אַ וועלכן ס׳איז קאַבינעטן־דייגקער וועגן יוישער אָדער אומיוישער, שטעקט דער קויאַך פון אונזער זיכערקייט אינם זיג פון דער היינטיקער סאָציאַליסטישער אידייע.

3. דער פרימיטיווער קאָמוניזם. די אנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון פריוואַט־אייגנטום. פאַמיליע און מעלוכע *)

נאָך גאָר פאַרצייטנס, באַם אופגאַנג פון דער געשיכטע האָבן מענטשן געלעבט גרופּנווייז אין די וועלדער, דאָס, ראָוו אף בוימער. דער מענטש איז נאָך דאַן גאָר קיין מענטש ניט געווען, ער האָט זיך ניט געקאָנט מאַכן קיין געצייג, געווען ווילד, זיך גענערט מיט וואָרצלען, קרייטעכצער, פרוכטן און גראָז. אין יע־

*) די ציפער באַ דער זייט פון דעם קאַפיטל ווייזן די געהעריקע זייטן אין ענגעלסע׳ס בוך: „די אַנטשטייאונג פון דער פאַמיליע, פון פריוואטאייגנטום און מעלוכע” אויסגאַבע „שטראַל” 1918.

נער אַנטוויקלונגס-מאַדרייגע האָט די מענטשהייט נאָך פון קיין שום אייגנטום ניט געוואוסט, ווייל מ׳האָט פּאָשעט קיין איבעריקס ניט געהאַט. וואָס מ׳האָט ערגעץ געפּאַקט, פלעגט די גאַנצע גרופּע בעשוטפעס אָפּן שטעל אופּעסן. באַהאַלטן א טייל פון רויב אָף א „שלעכטער צייט״ איז געווען אוממעגלאַך, ווייל זייער זעלטן פלעגט זיך טרעפן אַ גרויסע רויב. דער מענטשלאַכער לעבן איז ניט געווען געזיכערט און געהאַנגען אָף בלויזע צופאַלן.

16 קיין פאַמיליעס, ווי מיר פארשטייען עס היינט, זיינען נאָך דעמאָלט ניט געווען. אַלע פרויען פון גרופּע זיינען געווען ווייבער צו אַלע מענער. אָף יעגער שטופּע האָט די פרוי פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער גרופּע. מאַכמעס נאָר אויסשליסלאַך די מוטער איז געווען צו דערקענען אין איר לייבלאכער קרוווּעשאַפט, ווייל זי איינע האָט שטענדיק געוואוסט ווער פון די גרופּן-מיטגלידער איז פון איר לייב געבוירן, אין דער צייט וואָס דעם לייבלאכן פאָטער האָט מען אָף זיכער ניט געקאָנט אָנווייזן, האָט דאָס באַזונדער גרויס געמאַכט די פרוי אין אלעמענס אויגן, אַלס מוטער. דערום האָבן לעכאַטכילע פון דער מענטשלאַכער געשיכטע די קינדער זיך גערעכנט אָף דער מוטערס שטאַם און ניט אָפן פאָטערס.

אינם שווערן קאַמף פאַר עקזיסטענץ האָבן די פאַרצייטיקע מענטשן זיך צו ביסלאַך אויסגעלערנט גיין אין געיעג אָף כאַיעס פון אַ שטעקן זיינען זיי געקומען צו דעם בויגן מיט דער פייל, אויסגעלערנט כאַפּן פיש און, וואָס דער איקער איז, אויסהאַקן פונקען פייער. די אַנטדעקונג ווי אַזוי פייער צו באקומען האָט שוין אָף אַסאַך פאַרקלענערט דעם מענטשנס אָפּהייגיקייט פון דער נאַטור. דאָך איז נאָך דעם פאַרצייטיקן מענטשנס לעבן צוגעגאַנגען זייער שווער. איינער אַליין איז ער נאָך ניט אומשטאַנד אנטקעגנשטעלן זיך דער נאַטור-סטיכיע. און נאָר מיט פאַראייניקטע קויכעס פון גאַנצע געזעלשאַפטן געלינגט דעם מענטשן ווי עס איז בייצוקומען די אויסערלאַכע מעניעס באַם דערווערבן זיין שפּייז, באַזונדערע גרופּן פאַראייניקן זיך אין קרווישע פאַראייַנען, אין אַזוי גערופענע שוואָטים.

אויסגעשלאָסן ווערן פון שייוועס איז פאַר דעם פּאַרטיי-טיקן מענטש געווען געגליכן צום טויט. דער לעגענדארישער בייזער יהוה, (יאהו) ווען ער האָט געוואָלט באַשטראָפן דעם ברודער-מערדער קאַין, האָט ער ניט געפונען פאַר אים קיין הארבערע שטראָף ווי פאַרטרייבן אים פון שייוועס אַרויס.

דער שווערער לעבנס-קאַמף האָט פאַרבונדן די מיטגלידער פון שייוועס צווישן זיך דורך קעגנזייטיקער הילף, צוזאַמענאַרבעט און פאַרטיידיקונג. דער געבאָט „האָב ליב דיין שאָכן ווי זיך אליין", האָגאָם ער איז ניט אויסגעקריצט צווישן די צען גע-באָטן אַף די לוכעס פון דער פאַרצייטיקער געזעלשאַפט, איז דאָך געווען דער טאָגנגעבנדיקער אינם שייוועס. עמעס, צוליב זיין שמאָלן וועלט-באַנעם האָט דער באַרבאַר געהאַלטן פאַר א שאָכן נאָר בלויז דעם, וואָס האָט מיט אים אינאיינעם געלעבט און געאַרבעט, נאָר זיינע קרוויים. דערפאַר אָבער ס'אַרא רירנדיקע ליבשאַפט, ס'אַרא איבערגעגעבנקייט איינער צום צווייטן עס, האָט געהערשט אינעווייניק אין שייוועס גופע. דער מינהאָג פון בלוטיקער נעקאָמע, וואָס זעט אויס באַם היינטיקן „ציווילזירטן" אייראָפּייער, ווי די גרעסטע „ווילדקייט", איז געווען ניט אַנ-דערש נאָר ווי א גרויסע געטריישאַפט איינער צום צווייטן, א געצוואונגענע זעלבסטשוץ.

עמעס, ס'איז אַביסל צו א הארטער אייגנאַרטיקער מיטל נאָר ער איז דאָך פאַרשטענדלאַך און באַרעכטיקט דורך דעם קולטורעלן מאַצעוו פונם דעמאָלטיקן מענטשן.

אינם שייוועס-שטייגער ווייס מען ניט פון קיין פוילן-זיך ניט פון קיין פאַראַזיטיזם: אַלע מוזן אַרבעטן. אין דעם פראַט איז קיין כילעק ניט צווישן געשלעכט, דערפאַר אָבער זיינען די רעכט אויך גלייכע, פאַר אַלע מיטגלידער פון שייוועס.

קאָלעקטיווע אַרבעט פאַרלאַנגט א פאַרוואַלטונג. און דער שייוועס קלייבט זיך אויס אַן עלטסטן. בא די וואַלן באַטייליקן זיך אַלע דערוואַקסענע מענער און פרויען. אין פאַל פון מילכאָ-מע קלייבט מען אויס א מיליטער-עלטסטן, ניט דער עלטסטער פאַרוואַלטער, ניט דער קריגס-מאַן האָבן ניט קיין שום באַזונדערע

פּריווילעגיעס ניט און קיין רעכט, און מ׳קאָן זיי צו יעדער צייט
מאַכן אויס. פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלאַכקייט זיינען גע-
ווען די גרונט-האַנאַכעס פון שייוועט, האַגאַם דעמאָלט איז נאָך
גאָר ניט פאָרמולירט געווען. אַזאַ פּאַרצייטיקע שייוועט-אָרדנונג
האָט געהערשט אין דער מענטשלאַכער געזעלשאַפט. ניטאָ נאָך
35 קיין סאָלדאַטן קיין זשאַנדאַרן, קיין פּאָליציי, קיין פּריצנטום,
קיין קייסאָרים, פירשטן, גובערנאַטאָרס, שויפטים, טפיסעס, מיש-
פּאָטים,—אַלץ גייט זיך אין פולער אָרדנונג אליין פון זיך.
יעדע קריגערייַ און מאַכלויקעס קלייבט פאַנאַנדער דער,
צו וועמען עס האָט אַ שאַיכעס—דער שייוועט, דאָס פאָלק אָדער
עטלאַכע שוואָטים צוזאַמען; זעלטן, אפן ערגסטן פאַל גייט-אָן
בלוטיקע נעקאָמע, וואָס רופט זיך אָפן ציווילי׳זירטן לאָשן—טויט-
שטראָף. און וואָס פ״אַקטיקירט זיך אויך אַ ציגד, לויט אלע
מאַילעס און כעסרוינעס פון ציוויליזאַציע... פון קיין אָרימע און
לויטבאַדערפטיקע ווייס מען ניט, די קאָמוניסטישע ווירטשאַפט
טוט איר כוייו אַנטקעגן אַלטע, קראַנקע און אַף דער מילכאָמע-
צעקאַליעטשעטע לייט. אַלע זיינען גלייך און פריי, פאַר קיין
פרויען אויך קיין אויסנאַם ניט. ניטאָ נאָך קיין באָדן פאַר קנעכט-
שאַפט, ניטאָ אויך קיין פאַרשקלאַפטע שוואָטים.
אין זיין שטענדיקן עקזיסטענץ-קאַמף זאַמלט דער מענטש געניט-
קייט, לערנט זיך אויס אנטקעגנשטיין דער סטיכיע און אַרויס-
באַקומען אַ נוצן פון איר. ער פאַרהיימישט כאַיעס, באַארבעט די
ערד, דאָס גיט אים אַ מעגלאַכקייט אָפּצושפאָרן אייניקע מויסרעס
פאַר אַ שלעכטער צייט. די מויסרעס-פּראָדוקטן באַקומט ער אָבער
אויסשליסלאַך נאָר אַ דאַנק זיין שווערער פּראַצע און דעם דער-
גרייכטן פּראָגרעס אין דער פּראָדוקציע, און בעשום אויפן ניט דורך
עקספּלואַטאַציע. קיין באָדן פאַר קנעכטישער אָדער לוין-אַרבעט
איז נאָך ניט געווען.
בעאַיס דער פאַרצייטיקער אַרבעטס-צעטיילונג פלעגט אַפּ
מאַן אויספאַלן די זאָרג צו באַקומען שפּייז און אויך דערצו די נוי-
טיקע פּראָדוציר-מיטלען.סאי דאָס סאַי, יענקבלייבט זיינס אַן אום-
19 באַריִרטע אייגנטום. מיט דער פאַרגרעסערונג פון אַשירעס

פֿאַרשטאַרקט זיך אַלץ מער די לאַגע פֿון דעם מאַן אין דער מישפּאָ-
כע. זײַן ראָלע וואַקסט ביז וואַנען ער שטײט אויף קעגן דעם
עקזיסטירנדיקן מינהאָג פֿון יערושע פֿון מוטערס צאַד, קעגן דעם
אָזויגערופֿענעם מוטער-רעכט, און פֿאַרלאַנגט דאָס רעכט פֿאַר
זײַנע אײגענע קינדער. דאָס האָט מען גאָר לײכט געקאָנט טאָן
נאָך אויך דערפֿאַר, וואָס פֿון די פֿאַרצײטיקסטע געשלעכטלאכע
באַציאונגען איז שוין קײן סימען ניט געווען געבליבן. צוזאַמען
מיט דער עקאָנאָמישער סטרוקטור האָבן זיך אויך געביטן די באַ-
ציאונגען צווישן די געשלעכטן אין שײוועט. צוערשט האָט מען
גענומען אויסשליסן זקײנים און קינדער און דערמיט איז אײנ-
געפֿירט געוואָרן אַ בונד צווישן מענער און פֿרויען אַן ערעך פֿון
אײן עלטער; שפּעטער האָט מען אויסגעשלאָסן נאָענטע און ווײ-
טע קרויווים, ביז וואַנען עס איז פֿאַרבליבן די הײנטיקע פֿאָרם
פֿון אײנפּאָריקע מאַן-און-ווײב פֿאַמיליעס. באַגלײך מיט דער
אײגענער מוטער איז שוין דאָ פֿאַראַן דער אָנערקענטער אײגע- 18
נער פֿאָטער. קעדײ צו זײַן זיכער מיט דעם ווײבס געטרײשאַפֿט,
אַלזאָ, מיט געזעצלאַכע קינדער, ווערט די פֿרוי אונטערגעוואָרפֿן
דער אומבאַגרעניצטער מאַכט פֿון מאַן: ווען ער טויט זי, 20
האָט ער דערויף רעכט.
דאָס אָפּשאַפֿן פֿון מוטער-רעכט איז גע-
ווען די גרעסטע אַלוועלטלאַך-היסטאָרישע 19
מאַפּאָלע פֿאַר דער פֿרוי.
דער מאַן איז געוואָרן דער האַר אויך אין דער שטוב-
ווירטשאַפֿט, די פֿרוי האָט מען דערנידעריקט, פֿאַרשקלאַפֿט, גע-
מאַכט פֿאַר אַ קנעכט צום מאַנס גלוסטונגען, זי טויג נאָר אַף
קינדער צו געבוירן.
די אָנגעזאַמלטע רײַכטימער, באַזונדער די סטאַדעס ווערן דער-
ווײַל אַלץ גרעסער און גרעסער, און פֿון אַ געזעלשאַפֿטלאַכער פֿאָרם
גײען זײ אַריבער צו אַ פּריוואַטער. דער צוואוקס פֿון מענטשן
דערגרייכט ניט די פֿאַרמערונג פֿון די שאָף און רינדער, און עס
פֿאָדערן זיך אַלץ מער און מער מענטשן אכטונג צו געבן אַף די
פֿאַרגרעסערטע סטאַדעס. די אײגענע מישפּאָכע קלעקט שוין ניט.

עס פארפירן זיך מילכאָמעס מיט שכיינים און די קריגסגעפאנגענע
נוצט מען אויס צו דער אַרבעט, מ׳מאַכט זיי פאַר ק נ ע כ ט... 18
וואָס ווייטער האָבן די שטאַרקערע און אָנגעזעענערע פאמיליעס
(קויהאָנים, קריגסלייט א. א.) אַלץ מער צוגענומען פאַר זיך די
געזעלשאַפטלאכע מויסרעסן און דערמיט געבראכט צו סאָציאַלער
אומגלײַכקייט און צום איינברעכן דעם אַלטן שייוועט-שטייגער.
דער פראָדוקט, וועלכן מ׳האָט אַרויסבאַקומען אין די גרעניצן פון
דעם אייגענעם שייוועט און וועלכן מ׳פלעגט פריער אין ערגיץ
ניט אַרויסלאָזן נאָר פאַרנוצן בלויז פאַר דעם אייגענעם געברויך, 18
פאַרוואַנדלט זיך פאמעלאך אין אַ ס כ ו י ר ע, וואָס ווערט אָפט
פונם שייוועט ארויסגעפירט, ווייל אזוי גלוסט זיך דעם אייגנטי-
מער אירן, און מ׳רעכנט זיך שוין גאָר ניט מיט דער באדערפע-
ניש פון שייוועט.
דער איבערגאַנג צו ערדאַרבעט, דאָס אײַנפירן פון פריוואט-
אייגנטום אף שטיקער ערד, די אַרבעטס-צעטיילונג אַף האנטווער-
קעריי און ערדווירטשאפט האָבן געבראכט דערצו, אַז די מיטגלי-
דער פון שייוועט זייגען זיך טעריטאָריעל פונאנדערגעגאנגען און
דאָס האָט שוין גאָר צעשטערט די ריכטיקע אַרבעט פון שייוועטס
פארוואלטונגס-אָרגאַנען, געמאכט פאַר אוממעגלאַך איר ווייטער-
דיקע עקזיסטענץ. די מיטגלידער וואוינען שוין ניט אַלע אף איין
פלאַץ און די אָפגעשלאָסענע שוואָטים-געזעלשאפט אנטשפרעכט
שוין מער ניט איר באשטימונג.
אנשטאט דער צעטיילונג אף שוואָטים ווערט, נאָך אַ שטאַרקן
קאַמף, איינגעפירט אַ נייע צעטיילונג—א ף ג ע ג נ ט ן. אַלע
בירגער, צו וועלכן שייוועט זיי זאָלן ניט געהערן, באקומען די
רעכט און פליכט פון יענער געגנט, וואו זיי וואוינען.
ווען עס קומט אוף די סאָציאלע אומגלייכהייט פון אייגנ-
טימער און אומפארמעגלאכע, קנעכט און קנעכט-באזיצער, דאן
ווערט נויטיק אַ באזונדערע באוואָפנטע קראפט, וואָס זאָל האָבן
אַף זיך צו באשיצן דאָס אייגנטום פון די פארמעגלאכע, האלטן
אין שפאַן די אומצופרידענע און איינשטילן די פארשײַטע. 81
אַזאַ באוואָפנטן קויאַך פארמאָגט בא זיך יעדע מעלוכע. ער

באשטייט ניט בלויז פון באוואפנטע ארמייען און פאליציי, נאר אויך פון זאכלאכע צוגאבן צו זיי: טורמעס און אלערליי שטראף־אנשטאלטן, פון וועלכע דער שוואטיב־פארבאנד האט קיינמאל גאר קיין באגריף ניט געהאט. אף אויסצוהאלטן די קראפט דארף מען מיטלען.

עס ווערן איינגעשטעלט שטייערן אף די בירגער. און ביכדיי איינצומאנען די דאזיקע שטייערן, ביכדיי צו שפיאנירן און נישטערן, האלטן, ווי מ׳רופט עס, „ארדנונג", באשאפט זיך א אינסטיטוציע פון באאמטע, וואס בארויבן דאס פאלק... בעכיין, קומט די געזעלשאפט אף א געוויסער אנטוויקלונגס־שטופע צו אומלייזעוודיקע ווידערשפרוכן — זי צעשפאלט זיך אף קלאסן מיט אנטקעגנגעזעצטע אינטערעסן. צווישן די קלאסן פלאקערט אוף א קאמף. דאן באווייזט זיך א באדערפעניש אין א באזונדער קראפט, וואס זאל, אויב ניט דערשטיקן דעם קאמף, איז ׳עדנפאלס אים איינהאלטן אין געוויסע גרעניצן פון „ארדנונג". אזא מאכט ווערט אויסגעטיילט פון דער געזעלשאפט און ווערט באלד דער אויבערהאר איבער איר, ווערט פארפרעמדט צו דער געזעלשאפט — דאס איז די מעלוכע.

די מעלוכע איז א סאכהאקל פון קלאסנקאמף. דערמיט דערקלערט זיך זייער גוט די סיבע, פארוואס די גאנצע מאכט קאנצענטרירט זיך באם עקאנאמיש־שטארקערן קלאס אין די הענט. 83

די אמאליקע אלטע מעלוכע איז געווען דערהויפט א מעלוכע פון קנעכט־באזיצער, געגרינדעט קעדיי צו האלטן אונטערטעניק די קנעכט; די פעאדאלע מעלוכע, ווידער, איז געווען א פריצישער ארגאן צו געוועלטיקן איבער די לייב־אייגענע פויערים; די נייסטע פארשטייערשאפט־מעלוכע איז א געצייג פאר די קאפיטאליסטן צו עקספלואטירן די ארבעט. מיט דער פארניכטונג פון קלאסן וועט אונטערגיין אויך דער קלאסן־קאמף און מיט אים צוזאמען וועט אוועק אין זיין רו אריין דער קאדיש זיינער — די מעלוכע.

3. די אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פון קלאסן.

ביכדיי צו קאָנען אויסנוצן קנעכטישע אַרבעט, האָט דער
הערשנדיקער קלאַס געדארפט האָבן זיין אייגנס די מאטעריעל'ע 105
געצייג צו דער ארבעט, ווי אויך גענוג מיטלען אף אונטערהאלטן
די נעבאכדיקע עקזיסטענץ פון דעם קנעכט. אַלזא, איידער נאָך
עס קומט אָן די קנעכטשאפט, מוז מען שוין האַלטן באַ א גע-
וויסער שטופע אין דער אנטוויקלונג פון דער פראָדוקציע און עס
דארף שוין זיין אף א באשטימטן גראַד די אומגלייכהייט אין דער
פארטיילונג. און ביכדיי די קנעכטישע אַרבעט זאָל ווערן די
הערשנדיקע פּראָדוציר-פאָרם אין דער גאנצער געזעלשאפט, מוז
נאָך העכער שטייגן די אנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע און פון
האנדל, מוז וואקסן די אָנזאמלונג פון רייכטימער.

די קנעכטשאַפט באווייזט זיך אין דער געשיכטע גאָר ניט
אלס רעזולטאט פון רויבעריי און רעציכע.

אָרויסגייענדיק פון דער באלעבאים-וועלט (אין איינגערן זין 119
פון ווארט), זיינען די מענטשן אריינגעטראָטן אין דער געשיכטע
נאָך מיט סימאָנים פון זייער אָפשטאמונג: קימאט האלבע כאיעס,
ברוטאל שוואך אַנטקעגן די נאַטור-קרעפטן, ניט וויסנדיק נאָך
פון זייערע אייגענע קויכעס און, מעמיילע, אויך אַזוי אָרים, ווי
די כאַיעס, און עפשער אפילע ניט פּראָדוקטיווער אויך פון זיי.
עס הערשט דאַן צווישן זיי אַ באַשטימטע גלייכהייט אין דער
לעבנסלאַגע, און פאר די פאמיליען-עלטסטע גילט אויך אַ געוויסע
גלייכהייט אין דער געזעלשאפטלאכער לאגע.

די קעסיידערדיקע פארגרעסערונג פון די פּראָדוציר-קויכעס 119
און די געדיכטקייט פון דער באפעלקערונג ברייגגט אַמאָל אַ גע-
מיינזאמקייט, און אַן אַנדערס מאָל—אַ צוזאַמענשטויס פון אינ-
טערעסן צווישן באַזונדערע געמיינדעס. דערפון קומט אַרויס אַ
נייע אַרבעטס-צעטיילונג און עס גרינדן זיך נ יי ע אָ ר ג אַ נ ע ן,
צו באַשיצן די געמיינזאמע אינטערעסן און אָפצושלאגן די אינ-
טערעסן, וואָס שטויסן זיך מיט זיי צונויף. די דאָזיקע אָרגאַנען,
וואָס, אַלס פאָרשטייער פון געמיינזאמע אינטערעסן פאר גאנצע

120 גרופן, פאַרנעמען זיי שוין בענויגייע צו יעדער איינצעלנער געמיינדע אַן אָפּגעזונדערטע, און בײַ געוויסע באַדינגונגען, אַפילע אַ פייגטלאכע פּאָזיציע,—זיי ווערן אינגיכן נאָך זעלבשטענדיקער; טיילווייז צוליב דעם, וואָס געזעלשאַפטלאכע פּאָסטנס (שטעלעס) הויבן אָן איבערגיין בּירושע, ווי דאָס ווערט קימאט אַף אַ נאַטירלאכן שטייגער איינגעפירט אין יענער סוויווע, וואו אַלץ קומט פאָר סטיכייאיש; און טיילווייז—אַ דאַנק דער אויסגעוואקסענער נייטיקייט פון אוואַ מאכט, צוליב די צו אָפטע קאָנפליקטן מיט אנדערע גרופּעס. דער יעסאָד פון פּאָליטישער מעמשאָלע האָט אומעטום געשטעקט אינם באַדינען די געזעלשאַפט, און נאָר דעמאָלט פלעגט אַ פּאָליטישע מאַכט זיך האלטן לאנג, ווען זי פלעגט אויספילן געזעלשאַפטלאכע פונקציעס. יעדע פון די פילצאָליקע מיזראך-דעספּאָטיעס, וואָס האָבן נאָכאַנאַנד געבליט און געוועלקט אין פּערסיע און אין אינדיע, האָט זייער גוט געוואוסט, אַז קודעם קאָל איז זי דעם פּאָלקס אַ פאָרשטייערין אינם איגיען פון באַוואַסערן די טייך-טאָלן, ווייל אָן דערוף האָט קיין מאמאָשעס ניט די גאַנצע ערדאַרבעט.

נאָר באַגלייך מיט אָט דעם פּראָצעס פון אויסבילדן קלאַסן
120 אין דער געזעלשאַפט, איז פאָרגעקומען אויך אַ צווייטער. די נאַטירלאכע אַרבעטס-צעטיילונג גופא אין דער מישפּאָכע, וועלכע פארנעמט זיך מיט ערד-ווירטשאַפט, פלעגט ערלויבן, אַף אַ געוויסער אַנטוויקלונגס-שטופע, צו פאָרווענדן איינע אָדער עטלאכע זייטיקע אַרבעטסקרעפטן. באַזונדערס פלעגט זיך דאָס טרעפן אין יענע לענדער, וואו דער אַלטער קאָהעלשער ערד-באַזיץ איז שוין אונטערגעגאַנגען אָדער, יעדנפאַלס, וואו אנשטאָט פריערדיקער בּעשוטפעסדיקער באַאַרבעטונג האָט זיך שוין פראַקטיקירט די פּריוואַטע באַאַרבעטונג פון ערד-נאָכלעס דורך די געהעריקע איינצעלנע מישפּאָכעס; וואו די פּראָדוקציע האָט זיך דערביי אַזוי ווייט אַנטוויקלט, אַז די מענטשלאכע אַרבעטס-קראַפט האָט שוין געקאָנט איצט אויסאַרבעטן מער, איידער מ'דאַרף האָבן פאַר דער פּאַשעטער עקזיסטענץ, אַזוי אַז עס האָבן שוין געקלעקט מיטלען אַף אויסהאַלטן אַ גרעסערע צאָל אַרבעטסקרעפטן,

איידער די מישפּאָכע אַליין האָט געהאַט; אויסהאַלטן און טאַקע
געפינען פאַר זיי וואָס צו טאָן. אַזוי אַרום האָט די אַרבעטס-
קראַפט באַקומען אַ *ווערט*. נאָר ניט די איינצעלנע געמיינדעס
און אויך ניט זייער פאַרבאַנד האָבן אַליין פון צווישן זיך נאָך
קיין פרייע אַרבעטסקרעפטן ניט אויסגעטיילט. דאָס פלעגן צו-
שטעלן פאַר זיי די מילכאָמעס, וואָס פלעגן געפירט ווערן פון
לאַנג-אָן, זינט עס האָבן זיך אויסגעבילדעט באַזונדערע געזעל-
שאַפטלעכע גרופּעס אומאָפּהענגיקע איינע פון דער צווייטער.
פריער פלעגט מען ניט קענען עקספּלואַטירן די אַרבעט פון
קריגסגעפאַנגענע און דערום פלעגט מען זיי פּאַשעט אויסטויטן,
און אַמאָל אויך זייער פלייש אויפעסן — אַ פּאַרצייטיקער מיטל
ווי דעם סוינע צו אוטילייזירן. איצט, אַז די פּראָדוציר-קראַפט פון
אַרבעט האָט זיך אַנטוויקלט, האָבן קריגסגעפאַנגענע באַקומען
אויך עפּעס אַ ווערט, דערום האָט מען זיי גענומען שיינקען דאָס
לעבן און שטעלן זיי צו דער אַרבעט. אַנשטאָט צו הערשן איבער
דער עקאָנאָמישער לאַגע, איז איצט די אונטערדריקונג געווען
געצוואונגען, פאַרקערט, צו *דינען* דעם עקאָנאָמישן פּראָגרעס. 121
אַזוי איז אַנטשטאַנען *קנעכטשאַפט*. לעכאַטכילע איז די קנעכט-
שאַפט געוואָרן *דער וויכטיקסטער פאַקטאָר* פון
פּראָדוקציע בײַ די אַלע פעלקער וועלכע האָבן אין זייער אַנט-
וויקלונג געוועזן צעשטערט די אַלטע געמיינדע, נאָר סאָף קאָל
סאָף האָט זי די ערשטע זיי געבראַכט צום אונטערגאַנג. נאָר
אַדאַנק דער קנעכטשאַפט איז געוואָרן מעגלאָך די אַרבעטס-
צעטיילונג אין אַ מער אָדער ווייניקער גרויסן מאַסשטאַב צווישן
ערדאַרבעט און אינדוסטריע; נאָר דער קנעכטשאַפט האָט צו פאַר-
דאַנקען די אַלטע וועלט איר אויפבלי. אָן קנעכטשאַפט וואָלט
קיין גריכישע מעלוכע ניט געווען, ניט קיין גריכישע קונסט
און וויסנשאַפט, אָן קנעכטשאַפט וואָלט אויך קיין רוימישע אימ-
פּעריע ניט געווען זיין. און ווידער האָט זיך דאָך די היינטיקע
אייראָפּע אויך אַנטוויקלט אויפן גרונט פון דער גריכישער און
רוימישער וועלט: הייסט עס, אַז אָן קנעכטשאַפט וואָלט אויך די
נייע ציוויליזאַציע ניט אַנטשטאַנען. די איינגעפירטע קנעכטשאַפט

האָט צו יענער צייט געהייסן אַ גרויסער פּראָגרעס. קאָל זמאַן דעם מענטשנס אַרבעט איז נאָך געווען ווייניק פּראָדוקטיוו און געשאַפן קנאַפּע מויסרעס איבער דעם עקזיסטענץ-געברויך, האָט מען העכערן אַביסל די פּראָדוציר-קויכעס, פאַרשפּרייטן דעם אויסבייט, אַנטוויקלען די מעלוכע, געזעצגעבונג, קונסט און וויסנשאַפט — געקאָנט דערגרייכן ניט אַנדערש, סיידן דורך צעטיילן די אַרבעט צווישן דער מאַסן-באַפעלקערונג, וועלכע זאָל טאָן די פּאָשעטע האַנט-אַרבעט, און עטלאכע געקליבענע, פּריווילעגירטע וואָס זאָלן אָנפירן מיט דער גאַנצער אַרבעט און מיטן האַנדל, פירן די מעלוכע, און שפּעטער—די וויסנשאַפט און קונסט. די איינפאַכסטע, נאַטירלאַכסטע פאָרם פון אַזאַ אַרבעטס-צעטיילונג איז קנעכטשאַפט. אַפילע פאַר די קנעכט אַליין איז די קנעכטשאַפט אויך געווען אַ פּראָגרעס: די קריגסגעפאַנגענע, וואָס פון 122 זיי האָט מען רעקרוטירט די גאַנצע מאַסע קנעכט, זיינען איצט, לעפּאָכעס, געווען זיכער מיטן לעבן, אַנשטאַט צו ווערן אויסגעהאַרגעט אָדער, ווי גאָר אַמאָל, אָפּגעבראָטן.

פּריוואַט-אייגנטום האָט שוין עקזיסטירט נאָך אין דער פאַרצייטיקער נאַטירלאַך-אויסגעוואַקסענער געמיינדע בײַ אַלע קולטורעלע פעלקער. האַגאַם עס איז געווען באַגרעניצט מער ניט מיט געוויסע קעגנשטאַנדן. נאָך אין יענע געמיינדעס, בעשאַס מ׳פלעגט אויסביייטן די אייגענע אויסאַרבעטונג בײַ פרעמדלענדיקע האָבן שוין די פּראָדוקטן אָנגענומען אַ פאָרם פון סכוירעס. וואָס מער די פּראָדוקטן אין דער געמיינדע האָבן געקראָגן די פאָרם פון סכוירעס, דאָס הייסט וואָס ווייניקער מ׳פלעגט פּראָדוצירן פאַרן אייגענעם געברויך, אַלץ מער איז דער אויסבייט געוואָרן דער פאַקטאָר, וועלכער ברייננגט אָן איבעראַנדערשונג פון דער פאַרצייטיקער נאַטירלאַך-אַנטשטאַנענער אַרבעטס-צעטיילונג אין דער געמיינדע גופע; אַלץ מער פאַרשיידן איז געוואָרן די פאַרמעגלאַכקייט בײַ די איינצעלנע געמיינדע-מיטגלידער; אַלץ טיפער איז אונטערגעגראָבן געוואָרן דער אַלטער קאָהעלשער ערד-באַזיץ; און אַלץ גיכער איז די געמיינדע אונטערגאַנגען, און פון די ערד-אַרבעטער זייגען געוואָרן קליינע אייגנטימער—פּויערים.

אף אַ געוויסער אַנטוויקלונגס-שטופּע ווערט די סכוירע-פּראָ-
דוקציע פאַרוואַנדלט אין אַ קאַפּיטאַליסטישער. די בורזשואַזיע, 108
וואָס איז אַמאָל אַליין געווען אַן אונטערדריקטער שטאַנד, אַ
פאַרקויפטער דורך ציגזן און פליכטן צו די פעאָדאלע פריצים,
אַ צונויפגעשטעלטע פון פויערים און אַנדערע אונטערטעניקע
לייט, האָט ביסלעכווייז, דורך אַ לאַנגן קאַמף מיטן פריצנטום, זיך
אויסגעקעמפט איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער, ביז וואַנען זי
איז, אין די מער אַנטוויקלטע לענדער, געוואָרן דער הערשנדי-
קער קלאַס. דער קאַמף פון דער בורזשואַזיע מיטן פעאָדאַלן
פריצנטום איז אַ קאַמף פון דער שטאָט קעגן דאָרף, פון דער
אינדוסטריע קעגן דעם ערד-באַזיץ, פון געלט-ווירטשאַפט קעגן
נאַטוראַלער ווירטשאַפט. דאָס אַנטשיידנסטע געווער פון דער בור-
זשואַזיע אין דעם קאַמף זיינען געווען אירע עקאָנאָמישע
הערשונג-מיטלען; זיי האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן דורך דער
אַנטוויקלונג פון האַנטווערקעריי, וועלכע האָט זיך שפּעטער פאַר-
וואַנדלט אין מאַנופאַקטור, און דורך דער פאַרברייטערונג פון
האַנדל. פּאָליטיש איז דאָס פריצנטום געווען אַלץ, די בורזשואַזיע—
גאָרנישט; נאָר לויט איר סאָציאַלער לאַגע איז די בורזשואַזיע
איצט געווען דער וויכטיקסטער קלאַס אין דער מעלוכע, בעת
דאָס פריצנטום האָט געהאַלטן אין איין פאַרלירן זיינע סאָציאַלע
פונקציעס און האָט מער נישט ווי דורך זיינע האַכנאָסעס געזוכט
צו קאָמפּענסירן די אָנגעוואָרענע פונקציעס. בעת די באַדינגונגען 109
איז די בורזשואַזיע אין געביט פון פּראָדוקציע נאָך אַ צייט לאַנג
פאַרבליבן איינגעקלעמט אין די דאָלעד-אמעס פון דעם פעאָדאַל-
פּאָליטישן מיטלאַלטער. נישט נאָר די מאַנופאַקטור-פּראָדוקציע,
נאָר אויך די האַנטווערקעריי איז געווען באַשריינקט דורך אָן אַ שיר
צעך-פּריווילעגיעס און דורך אָרטיקע און פּראָווינציעלע צאָל-
גרעניצן. די בורזשואַזע רעוואָלוציע האָט אַ סאָף געמאַכט צו
דעם אַלעמען. זי האָט אויסגעראַמט דאָס פאַרפוילטע פּאָליטישע
אַלטוואַרג און באַשאַפן אַזעלכע פּאָליטישע באַדינגונגען, בעת
וועלכע די נייע עקאָנאָמישע לאַגע האָט געקאָנט עקזיסטירן און
זיך אַנטוויקלען. און די לאַגע האָט זיך אין דער פאַסיקער פּאָ-

ליטיש-רעכטלאכער אַטמאָספער זעלטן גוט אַנטוויקלט, אָבער אַזוי זעלטן אַז די בורזשואַזיע ווערט וואָס ווייטער ניט נאָר אינ-אנצן אַן איבעריקע זאַך נאָר אַ בעפיירעשע שטערונג אין דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג, ווייל זי דערווייטערט זיך אַלץ מער און מער פון דער דירעקטער פּראָדוציר-טעטיקייט און ווערט אַלץ מער און מער אַ קלאַס, וואָס ווייס נאָר פון באַקומען האַכ-נאָסע, פּונקט ווי אַמאָל דאָס פּריצנטום. די דאָזיקע גרונטלאכע פאַרענדערונג אין דער לאַגע פון דער בורזשואַזיע, אַזוי אויך די אויסבילדונג פון אַ נייעם קלאַס — פּראָלעטאַריער, איז פאָרגעקו-מען אָן שום געוואַלט-שטיק, אָף אַ ריין-עקאָנאָמישן אויפן. די בורזשואַזיע האָט צוואַדע ניט געוואָלט און ניט געריכט זיך אָף אַזאַ סאַכהאַקל פון איר אייגענער טעטיקייט: ער איז פאַרווירק-לאכט געוואָרן קעגן איר ווילן, קעגן אירע האַסאַגעס, דורך אָן אומבאַוויגעוודיקע קראַפט; אירע אייגענע פּראָדוציר-קויכעס האָבן איבערגעשטיגן איר אָנפירונגס-פייאיקייט, און זיי פירן אויך די גאַנצע בורזשואַזע געזעלשאַפט אָדער צום טויט אָדער — צו [illegible] דערשונג.

4. אַרבעט-צעטיילונג.

אין יעדער געזעלשאַפט מיט אַ נאַטירלאַך-אַנטוויקלטער פּראָ-
203 דוקציע—און די היינטיקע געזעלשאַפט איז אַזאַ, איז ניט די פּראָדו-
צירער הערשן איבער די פּראָדוציר-מיטלען, נאָר די פּראָדוציר-מיטלען געוועלטיקן איבער די פּראָדוצירער. אין אַזאַ מין געזעלשאַפט ווערט פון יעדן נייעם הויבער פון דער פּראָדוקציע אומבאַדינגט אַ נייער מיטל צו פאַרקנעכטן די פּראָדוצירער בא די פּראָדוציר-מיטלען. באַזונדער איז דאָס שאַייעך צום הויבער, וואָס איז ביז צו דער אַנשטייאונג פון דער שווערער אינדוסטריע געווען דער מעכ-טיקסטער—צו דער אַרבעט-צעטיילונג, שוין די ערשטע אַרבעט-צעטיילונג, דאָס אָפּטיילן די שטאָט פון דאָרף, האָט פאַרמישפּעט די דאָרפישע באַפעלקערונג אָף אַ טויזנטיעריקער טעמפּקייט, און די שטאָט-איינוואוינער—צו פאַרקנעכטונג, יעדן באַזונדער בא

זיין קליינער אַרבעט; זי האָט פאַרניכטעט דעם באָדן פאַר גייס-
טיקער אַנטוויקלונג פון די ערשטע און פיזישער אַנטוויקלונג פון
די לעצטע. אויב דער פויער ווערט א באַלעבאָס איבער זיין
ערד און דער האַנטווערקער—איבער זיינע פראָדוציר-מיטלען,
פאַרקנעכטעט אבער די ערד נאָך מער דעם פויער, און די
מעלאָכע—דעם האַנטווערקער. דורך דער אַרבעט-צעטיילונג איז
דער מענטש אַליין אויך צעריסן געוואָרן אַף טיילן. צוליב דער
אַנטוויקלונג פון איין מין טעטיקייט זיינער, זיינען געבראַכט גע-
וואָרן פאַר א קאָרבן אַלע איבעריקע גייסטיקע און פיזישע מאַ-
לעס. אַט די געדריקטקייט פון מענטשן וואַקסט באַגלייך מיט
דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעט-צעטיילונג, וועלכע דערגרייכט
צו דער העכסטער מאַדרייגע אין דער מאַנופאַקטור. די מאַנו-
פאַקטור לייגט פאַנאַנדער די מעלאָכע אַף אירע איינצעלנע דע-
טאַלע אָפּעראַציעס, און זי טיילט-צו יעדן אַרבעטער באַזונדער
אַזא איינצעלנע אָפּעראַציע אַלס אַ פליכט פאַר אים אַפן גאַנצן
לעבן, און קאָוועט אים צו אַזוי אַרום אַף זיין גאַנצן לעבנלאַנג
צו איין באַשטימטער דעטאַל-פונקציע און צו איין באַשטימטן
שטיקל געצייג. זי צוקאַליעטשעט דעם אַרבעטער, מאַכט אים
פאַר אקריפּל, דערוועקט אין אים קינסטלאַך, אַפן שטייגער פון
אן אראַנזשעריי, די אַנטוויקלונג פון דעטאַלע געוואוינהייטן און
מאַכט א טעל פון אַ וועלט מיט פראָדוציר-נויגונגען און פעאי-
קייטן באַ אים. די פערזענלאַכקייט אַפילע ווערט צעדריבלט און
פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אווטאָמאַטישער ראָד, וואָס טוט זיך איר
קליינינקן טייל אַרבעט,—אַן אווטאָמאַטישע ראָד, וואָס דער-
גרייכט אין אסאַך פאַלן איר פאַרפאָלקאָמונג בלויז דורך אַ פיזי-
שער און גייסטיקער פאַרקריפּלונג פון דעם אַרבעטער. די מאַ-
שינעזירונג פון דער גרויסער אינדוסטריע מאַכט פון דעם אַרבע-
טער ניט קיין מאַשין, נאָר א פאַשעטן צוגאָב צו איר. און ניט
נאָר די אַרבעטער, אויך די קלאַסן, וואָס עקספּלואַטירן זיי די-
רעקט אָדער אומדירעקט, ווערן דורך דער אַרבעטס-צעטיילונג
פאַרקנעכטעט צום געצייג פון זייער טעטיקייט; דער טרוקענער
בורזשוא—צו זיין קאַפּיטאַל און צו דער טאַיווע זיינער נאָך רע- 204

וואָך; דער יוריסט—צו זיינע פאַרגליווערטע רעכטלאַכע אַנשוי-
אונגען, וואָס הערשן איבער אים ווי א זעלבשטענדיקע קראַפט;
ביכלאָל די „געבילדעטע קלאַסן״—צו זייער באַגרעניצטקייט און
איינזייטיקייט, אַלס צו דעם רעזולטאַט פון זייערע פיזישע און
גייסטיקע כעסרוינעס,וואָס זיינען פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט
זייער דערציאונג; וואָרום זייער דערציאונג ווערט דאָך צוגעפּאַסט
צו זייער ספּעציאַליטעט, צו וועלכער זיי ווערן צוגעשמידט אַפן
גאַנצן לעבן, מעג אַפילע די „ספּעציאַליטעט״ באַשטיין אין אַרומ-
גיין פוסט-און-פּאַס..
די אוטאָפּיסטן האָבן שוין אויך גוט פאַרשטאַנען, אַז די
אַרבעט-צעטיילונג פאַרקריפּלט דעם אַרבעטער, צווינגט אים דעם 204
גאַנצן לעבן זיך צו פאַרנעמען מיט אַן איינאַרטיקער מעכאַנישער
אַרבעט, וואָס באַשטייט אין איבערכאַזערן אַלץ די אייגענע טאַט.
דערום האָבן סאַי אָאוען סאַי פּוריע געפּאָדערט, מ׳זאָל אָפּשאַפן
דעם קעגנזאַץ פון שטאָט און דאָרף, מיינענדיק אַז אין דעם שטעקט
די גרונטלאַכסטע סגולע אָפּצושאַפן די גאַנצע אַלטע סיסטעם פון
אַרבעטס-צעטיילונג.
דאָך גאָר די נייסטע אינדוסטריע מיט אירע מאַשינען, כע-
מישע פּראָצעסן און אַנדערע מיטלען פאַרענדערט ניט בלויז די
טעכנישע יעסוידעס פון דער פּראָדוקציע, נאָר אויך די באַשעפ-
טיקונג פון די אַרבעטער און די געזעלשאַפטלאַכע קאָמבינאַציעס
פון דעם אַרבעטס-פּראָצעס. מעמיילע, ווערט געענדערט קעסיידער 206
אויך די צעטיילונג פון דער אַרבעט אין דער געזעלשאַפט גופע,
און מאסן קאַפּיטאַלן און אַרבעטער ווערן גיך איבערגעוואָרפן
פון איין פּראָדוקציע זאַין א צווייטער; די גרויסע אינדוסטריע פאַר-
לאַנגט בעטעווע, די אַרבעט זאָל קעסיידער געענדערט ווערן,
עס זאָלן ניט בלייבן קיין באַשטענדיקע באַשעפטיקונגען, די אַר-
בעטער זאָלן זיין רירעוודיק אַף אַלע זייטן. פאַר דער גרויסער
אינדוסטריע איז עס א פראַגע פון לעבן אָדער טויט, אַז די איינ-
צעלנע איינג-ספּעציאַליזירטע פּערזאָן, וועלכע טויג בלויז פאַר אַן
אָרגאַן פון אַ ספּעציעלער געזעלשאַפטלאַכער פונקציע, זאָל פאַר-
ביטן ווערן אַף א פולשטענדיק אַנטוויקלטער פּערזאָן, וואָס זאָל

זיין גלייך פּייאיק צו אַלערליי געזעלשאַפטלאַכע אַרבעטן.

ווערנדיק באַלעבאָס איבער אַלע פּראָדוציר-מיטלען, ביכדיי
205 געזעלשאַפטלאַך-פּלאַנמעסיק צו שאַפן איבער זיי, מוז די געזעל-
שאַפט פאַרניכטן די ביזאיצטיקע פאַרקנעכטונג פון מענטשן צו
זייערע אייגענע פּראָדוציע-מיטלען. די אַלטע פאָרם פון פּראָדוק-
ציע וועט ביזן גרונט געענדערט ווערן, און מעמיילע וועט אויך
פאַרשווינדן די אַלטע אַרבעט-צעטיילונג, וואָס דריקט די גע-
זעלשאַפט, אַזוי אויך דעם יאָכיר. אנשטאט אַרבעט-צעטיילונג
וועט אַנטשטיין אַזאַ מין אָרגאַניזירטע פּראָדוקציע, בא וועלכער
קיינער זאָל, ערשטנס, ניט קאָנען אַרופוואַרפן אף א צווייטן
זיין כיילעק אַנטייל אין דער פּראָדוקטיווער אַרבעט, וואָס וועט
ווערן דער נאַטירלאַכער טנאַי פון מענטשלאַכן צושטאַנד, צוויי-
טנס, זאָל די פּראָדוקטיווע אַרבעט אַנשטאָט צו פאַרקנעכטן,
ווערן אַ מיטל צו באַפרייאונג, און געבן יעדער
פּערזאָן די מעגלאַכקייט זיך אַנטוויקלען אַלזייטיק און ארויסווייזן
אַלע אירע פעאיקייטן, פיזישע און גייסטיקע. די אַרבעט וועט,
בעכיין, ווערן ניט קיין שווערע פליכט, נאָר א פאַרגעניגן.

5. שטאָט און דאָרף.

די גרויסע אינדוסטריע האָט אין א היפּשער מאָס באַפרייט
206 די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע פון די אָרטיקע רעמלאַך. די וואַ-
סער-קראַפט איז פאַרבונדן מיטן אָרט, אבער דאַמף — איז א
פרייער קויאַך. אויב די וואַסער-קראַפט, וואָס איז פאַראַן אין
דאָרף, איז בעפיירעש מיטן דאָרף פאַרבונדן, איז דער קויאַך פון
דאַמף לאַכלוטן ניט אָפּהייגניק דאַווקע פון א שטאָט. ערשט בע-
אייס דער קאַפּיטאַליסטישער פאַרווענדונג האָט מען גערן קאָנ-
צענטרירט דעם דאַמף-קויאַך אין שטעט, און די פאַבריק-דערפער
פאַרוואַנדלט אין פאַבריק-שטעט, אָבער דערמיט האָט מען בא-
שאַפן באַדינגונגען, וואָס קאָנען גאָר אַרונטערייסן די גאַנצע
פּראָדוקציע. דאָס ערשטע, וואָס איז נויטיק פאַר דער דאַמף-מאַ-
שין און קימאַט פאַר אַלע צווייגן פון דער גרויס-אינדוסטריע-

לער פראָדוקציע, איז, ווי ווייט מעגלאַך, א ריין וואַסער. אָבער
אין דער פאַבריק־שטאָט ווערט פון יעדן ריינעם וואַסער אן
איפּעשדיקער זומפּ. אַזוי, אַז האָגאָם די שטאָטישע קאָנצענטראַציע
איז דער הויפּט־טנאַי פון קאַפּיטאַליסטישער פראָדוקציע, שטרעבט
טאָמיד דאָך יעדער איינצעלנער קאַפּיטאַליסט אריבערצופירן זיין
פראָדוקציע פון שטאָט אין א געביט פון דאָרפישער פראָדוקציע.
אזאַ פראָצעס קאָן מען צוזען מיט אלע קלייניקייטן אין די
טעקסטיל־געגנטן פון לאַנקאַשירער און יאָרקשירער געגנטן
(איינגלאַנד). די קאַפּיטאַליסטישע גרויסע אינדוסטריע העלפט
יאָרט שאַפן נייע גרויסע שטעט, און אין דערזעלבער צייט וואַנ־
דערן פאַבריקן אריבער פון שטאָט אין דאָרף אריין.

206 פון דעם דאָזיקן ווידערשפּרוך אין דער היינטיקער אינדוס־
טריע, וועלכע באַווייזט זיך קעסיידער אפסניי, קאָן מען פּאָטער
207 ווערן נאָר דורך אָפּשאַפן איר קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער. נאָר
יענע געזעלשאַפט, וואָס וועט פייאיק זיין צו לאָזן גיין אַלע אירע
פראָדוציר־קויכעס האַרמאָניש, לויט אן איינהייטלאכן אלגע־
מיינעם פּלאַן, וועט אויך זיין אומשטאַנד זיי אזוי צו אָרגאַניזירן
עס זאָל מעגלאַך זיין גלייכמאָסיק צו פאַרטיילן די גרויסע אינ־
דוסטריעלע אונטערנעמונגען איבערן גאַנצן לאַנד און דערנענ־
טערן די פאַבריק־פראָדוקציע צו דער דאָרפס־ווירטשאַפט, אף
וויפל דאָס איז נויטיק פאַר דער אַנטוויקלונג און איינהייטונג פון
די אינדוסטריעלע קויכעס.

די סטירע צווישן שטאָט און דאָרף מוז אָפּגעשאַפט ווערן
ניט בלויז אין די אינטערעסן פון אינדוסטריעלער און ערדווירט־
שאַפטלאכער פראָדוקציע, נאָר אויך ביכדיי איינצופירן א געזעל־
שאַפטלאכע היגיענע. נאָר דורך א פאַראייניקונג פון שטאָט און
207 דאָרף, אלס איין גאַנצע זאַך, וועט מעגלאַך זיין צו באַזייטיקן די
היינטיקע פאַרסאַמונג פון לופט, וואַסער און באָדן; נאָר דאַן וועלן
די אָפּגעשוואַכטע מאַסן שטאָטישע באַפעלקערונג זיך קאָנען דער־
שלאָגן דערצו, אז זייערע אָפּפאַלן מיסט און פּסולעס, וועלן,
אנשטאָט צו פאַרשפּרייטן מאַגייפעס, דינען פאַר א נוצלאַכן מאַ־
טעריאַל אין דער אלגעמיינער לאַבאָראַטאָריע פון דער נאַטור און

מיטהעלפן דעם ערפאָלג פון דער דאָרפישער ווירטשאַפט.

די קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע האָט זיך אַוועקגעשטעלט
207 אין אַ לאַגע, וואָס איז ניט אָפּהייִנגיק פון יענע איינגע דאַלעד-
אַמעס, אין וועלכע עס געפינט זיך די אָרטיקע פּראָדוקציע פון דעם
נויטיקן רויוואַרג.

די טעקסטיל-אינדוסטריע אַרבעט אויס דאָס ראָוו רויוואַרג
צוגעפירטע פון ערגיץ וואו. די שפּאַנישע און דאָרעם-
אַמעריקאַנישע קופּער-מינערייען ווערן איבערגעאַרבעט אין איינג-
לאַנד און דייטשלאַנד, די שפּאַנישע אייזן-מינערײ אין איינגלאַנד,
יעדע שטיינקוילנגרוב באַזאָרגט מיט הייץ-מאַטעריאַל אַזעלכע איב-
דוסטריעלע געגנטן, וואָס געפינען זיך ווייט אָף יענער זייט גרע-
ניץ פון דער קוילנפּראָדוקציע. אָפּן גאַנצן אייראָפּייאישן שעטאַך
הייצן זיך די דאַמפמאַשינען מיט איינגלישע, און ערטערווייז מיט
דייטשישע און בעלגישע שטיינקוילן. די געזעלשאַפט, וואָס וועט
זיך באַפרייען פון די פּענטעס פון קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע,
וועט גיין נאָך ווייטער אין דער ריכטונג. עס וועט דאַן אַרויס-
קומען אַ נייער דאָר אַלזייטיק אנטוויקלטע פּראָדוצירער, וואָס
וועלן פאַרשטיין די וויסנשאַפטלאַכע יעסוידעס פון דער גאַנצער
אינדוסטריעלער פּראָדוקציע און וועלן, יעדער באַזונדער, פּראַק;
טיש ערלערנען אַלע צווייגן פון פּראָדוקציע פון אָנהויב ביזן סאָף
און עס וועט באַשאַפן ווערן אַזאַ פּראָדוקטיווע קראַפט, וואָס זאָל
מיט פּראָצענט קאָנען דעקן די הויצאָעס אָף צושטעלן פון די
ווייטסטע פונקטן רויוואַרג און הייץ-מאַטעריאַל. דערום איז די
פאַרניכטונג פון די סיבעס, וואָס טיילן אָפּ שטאָט פון דאָרף
207 אין די פאַרווירקלאַכונג פון אַ גלייכמעסיקער פאַרטיילונג פון דער
גרויסער אינדוסטריע איבערן גאַנצן לאַנד—גאָר קיין אוטאָ-
פּיע ניט.

געוויס, האָט אונז די ציוויליזאַציע געלאָזן גרויסע שטעט—
אַ שווערע יערושע, וועלכע ס'וועט אָפּקאָסטן אַסאַך צייט און מי
זי פּאָטער צו ווערן. מ'מוז אָבער פון איר פּאָטער ווערן, און דאָס
וו ע ט געטאָן ווערן, ווי לאַנג דער פּראָצעס זאָל זיך ניט דאַרפן
ציען.

6. די טעאָריע פון ווערט.

215 די איינציקע ווערט, וואָס איז באַוואוסט אין דער פּאָליטי-
שער עקאָנאָמיע, איז ווערט פון סכוירעס. וואָס איז אַזוינס סכוי-
רעס?—פּראָדוקטן, וואָס זיינען אויסגעאַרבעט אין אַ געזעלשאַפט
פון מער אָדער ווייניקער אָפּגעזונדערטע פּריוואַטע פּראָדוצירער,
ד. ה. קוידעם קאָל, פּריוואַטע פּראָדוקטן. נאָר פון פּריוואַטע פּראָ-
דוקטן ווערט ערשט דעמאָלט סכוירע, ווען מע פּראָדוצירט זיי
ניט פאַר דעם געברויך פון די פּראָדוצירער אַליין, נאָר פאַר דעם
געברויך פון אַנדערע, ד. ה. פאַר דעם געזעלשאַפטלאכן געברויך
זיי קומען צום געזעלשאַפטלאַכן געברויך דורך דעם אויסבייטן
אַלזאָ, די פּריוואַטע פּראָדוצירער, קומט אויס, זיינען צווישן זיך
געזעלשאַפטלאַך פאַרבונדן, זיי אַליין בילדן די געזעלשאַפט, זייערע
פּראָדוקטן, זייענדיק פּריוואַטע פּראָדוקטן יעדן איינעמס באַזונדער
ווערן זיי אָבער גלייכצייטיק, האַגאַם אומגעריכט און קימאַט ווי קעג
זייער ווילן, אויך געזעלשאַפטלאכע פּראָדוקטן. אי
וואָס באַשטייט דער געזעלשאַפטלאכער כאַראַקטער פון די פּרי-
וואַטע פּראָדוקטן? זעט אויס, אין צוויי אייגנשאַפטן. ערשטנס,
דערין, וואָס זיי באַפרידיקן אַ וועלכע ס'ניט איז מענטשלאַכע
באַדערפעניש און האָבן א געברויך-ווערט ניט בלויז פאַר זייער
פּראָדוצירער, נאָר אויך פאַר אנדערע; צווייטנס, דערין, וואָס זיי-
ענדיק פּראָדוקטן פון פאַרשיידענע, באַזונדערע מינים אַרבעט זיי-
ן זיי גלייכצייטיק פּראָדוקטן פון פאַשעטער מענטשלאַכער פּראַ-
צע. ביכלאַל איז אַף וויפל זיי האָבן אַ געברויך-ווערט פאַר אנ-
דערע אַף אַזוי פיל קאָנען זיי סויגן צום אויסבייט; אַף וויפל אָבער
זיי פאַרמאָגן אין זיך מענטשלאַכע פּראַצע ביכלאַל, פּאַשעטע פאַר-
נוצטע מענטשלאַכע אַרבעטס-קראַפט, אַף אַזוי פיל קאָן מען זיי
באַם אויסבייטן צוגלייכן, זייענדיק גלייך אָדער ניט גלייך אין
דער היבזיכט צווישן זיך לויט דעם סכום פון דער פּראַצע, וואָס
איז אין יעדן פון זיי אַריינגעלייגט. צוויי אַלצאַיינע פּריוואַטע
פּראָדוקטן, באַ גלייכע געזעלשאַפטלאכע פאַרהעלטענישן, קאָנען
האָבן אין זיך ניט אין קיין גלייכער מאָס פּריוואַטע אַרבעט, אָבער

מענטשלאכע פראצע ביכלאל וועלן זיי טאמיד האבן גליין. ניט קיין געניטער שמיד וועט מאכן פינף פאדקאוועס פאר דער צייט וואס א גוטער שמיד מאכט צען. אבער די צופעליקע געליימט-קייט פון א יאכיד באקומט ניט קיין ווערט בא דער געזעלשאפט, זי אנערקענט פאר מענטשלאכער פראצע ביכלאל בלויז יענע אר-בעט, וועלכע באזיצט די דורכשניטלאכע נארמאלע פלינקקייט פון אן ארבעטער. יעדע פון די פינף פאדקאוועס פון דעם ערשטן שמיד וועט דערום ניט האבן באם אויסבייט קיין גרעסערן ווערט, איידער יעדע פון דעם צווייטנס צען, וואס זיינען געמאכט פאר דער זעלבער צייט. אף וויפל די פריוואטע ארבעט איז געזעלשאפטלאך נויטיק, אף אזוי פיל האט זי אין זיך מענ-טשלאכע פראצע ביכלאל.

215 בעקיין, זאגנדיק אז א סכוירע האט א באשטימטע ווערט, מיין איך צו זאגן, אז: 1) זי איז א געזעלשאפטלאך-נוצלאכער פראדוקט; 2) זי איז אויסגעארבעט פריוואט, דורך אן איינ-צעלנער פערזאן, 3) זייענדיק א פראדוקט פון א פריוואטן מאן איז זי דאך, ווי אן דעם וויסן און קעגן דעם ווילן פון פראדו-צירער, א פראדוקט פון געזעלשאפטלאך-צוועקמעסי-קער ארבעט, און באם אויסבייטן איז זי ניט מער ווי א געווי-סער סכום פון אזא מין ארבעט; 4) דער דאזיקער סכום ווערט באשטימט ניט פאשעט דורך דער ארבעט, וואס איז דירעקט אף דער סכוירע פארנוצט געווארן, נאר דורך פארגלייכן די סכוירע מיט אנדערע סכוירעס, דורך פארגלייכן די געזעלשאפט-לאכע ארבעט-צייט, וועלכע שטעקט אין די פארגליכענע סכוירעס.

אויב איך זאג, אז דער זייגער איז ווערט אזוי פיל, וויפל די שטיק געוואנט און אז יעדער פון זיי האט די ווערט 50 מארק, מיין איך דערמיט, אז: אין דעם זייגער, אינם שטיקל געוואנט און אינדער סומע געלט איז איינגעלייגט, פארקערפערט געווארן א גלייכע צאל געזעלשאפטלאכע ארבעט. איך קאנסטאטיר, אלזא, אז די אין זיי איינגעלייגטע געזעלשאפטלאכע ארבעטס-צייט איז געזעלשאפטלאך אויסגעמאסטן און אנערקענט פאר גלייך. 216

אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט קאן דער ארבע-
טער ניט געברויכן זיין ארבעטס-קראפט בא זיך אין דער באלע-
באטישקייט, ווייל ער פארמאגט ניט קיין פראדוציר-מיטלען. קעדיי
ניט שטארבן פאר הונגער, מוז ער זיך פארקויפן צום קא-
218 פיטאליסט. אזוי באקומט זיך אפן קאפיטאליסטישן סכוירע-מארק
א נייע, ספעציפישע סכוירע — ארבעטס-קראפט.

וואס פאר א ווערט האט די נייע סכוירע?

ווי די ווערט פון יעדער מין סכוירע, אזוי באשטימט מען אויך
די ווערט פון ארבעטס-קראפט, לויט דער ארבעטס-צייט, וועלכע
איז געזעלשאפטלאך נויטיק אף פראדוצירן די דאזיקע קראפט.

נאר וואס הייסט עס „פראדוצירן ארבעטס-קראפט”?

ארבעטס-קראפט מאכט מען דאך ניט אף קיין פאבריק אדער
זאוואד. פראדוצירן ארבעטס-קראפט דארף מען פארשטיין אין דעם
זינען פון ווידער אופשטעלן די קראפט. ארבעטנדיק אפן זאוואד
אדער פאבריק, פארנוצט דער ארבעטער זיין ארבעטס-קראפט.
קעדיי צו קאנען ווייטער ארבעטן, מוז ער קעטיידער קאמפענסירן
די אויסגעבראכטע קראפט. ער עסט, טרינקט, רוט. בעכיין, איז
די שפייז, די קליידער, די וואוינונג און דערגלייכן, מיט איין
ווארט, דעם ארבעטערס באדערפענישן, וועט זיין די ווערט פון
זיין ארבעטס-קראפט.

216 די סכוירע-ווירטשאפט צווינגט די געזעלשאפט צו פאר-
איינפאכן, ווי ווייט מעגלאך איז, דעם אויסבייט-פראצעס. פון דער
גאנצער מאסע סכוירעס טיילט מען אויס איין מין סכוירע, דעם
איידלסטן מין, וועלכער זאל איין מאל איבער אלע מאל האבן אין
זיך די ווערט פון אלע אנדערע סכוירעס, א מין סכוירע, וואס
זאל אין זיך דירעקט פארקערפערן די געזעלשאפטלאכע ארבעט —
געלט, און דערום זאל מען אים קאנען שטענדיק און אומבא-
דינגט אויסבייטן אף אלע אנדערע מינים סכוירעס. אינם באגריף
„ווערט” שטעקט שוין דער קערנדל פון געלט, וועלכע איז ניט
מער ווי א שפעטערדיקע אנטוויקלטע פארם פון ווערט.

217 די סכוירע-פראדוקציע איז נאך גאר ניט די איין-און-איינ-
ציקע פארם פון געזעלשאפטלאכער פראדוקציע. אין די אמאליקע

אינדיאַנישע געמיינדעס און אין די מישפּאָכע-געמיינדעס בא די דאָרעם-סלאַוון זיינען די פּראָדוקטן ניט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קיין סכוירעס. די געמיינדע-מיטגלידער פאַראייניקן זיך אין אַ געזעלשאַפט ספּעציעל צוליב פּראָדוקציע, די אַרבעט ווערט פאַרטיילט לויטן מינהאג, נאָך דער באַדערפעניש נאָך, און די פּראָדוקטן ווערן דירעקט דורך אַלעמען פאַרנוצט, מעמיילע ווערט פון זיי ניט קיין סכוירע. וואו ס'איז נאָר פאַראַן א דירעקטע געזעלשאַפטלאַכע פּראָדוקציע און אויך די פאַרטיילונג א דירעקטע, דאָרט איז אויסגעשלאָסן יעדער מין סכוירע-אויסבייט, אַלזאָ, דאָרט איז אויך אויסגעשלאָסן, אז פּראָדוקטן זאָלן זיך פאַרוואַנדלען אין סכוירעס (יעדנפאַלס אינעווייניק, אין דער געמיינדע) און מעמיילע, אויך אין ווערטן.

217 ווי נאָר די געזעלשאַפט נעמט איבער אין איר רעשוס אַלע פּראָדוציר-מיטלען און פאַרווענדט זיי אין א ריין-פאַרגעזעלשאַפטלאַכטער פּראָדוקציע, אזוי ווערט באַלד יעדן מענטשנס אַרבעט, פאַר זיך גענומען, דירעקט א געזעלשאַפטלאַכע אַרבעט, ווי פאַרשיידן עס זאָל ניט זיין דער כאַראַקטער פון איר ספּעציפישער נוצלאַכקייט. דעמאָלט דאַרף מען שוין ניט אָנקומען צו קיין זייטיקע מיטלען אַף צו באַשטימען דעם סכום געזעלשאַפטלאַכע אַרבעט אין א פּראָדוקט. די טאָג-טעגלאַכע פּראַקטיק ווייזט שוין דירעקט, וויפל אַרבעט מ'דאַרף האָבן דורכשניטלאַך. די געזעלשאַפט קאָן פּאָשעט אויסרעכענען, וויפל שאָען אַרבעט איז פאַרקערפּערט אין דער דאַמפּמאַשין, אין א פּוד ווייץ פון דער לעצטער גערעטעניש, אָדער אין הונדערט קוואַדראַט-אַרשין געוואַנט פון אַ געוויסער קוואַליטעט. עס וועט איר גאָר ניט איינפאַלן, דעריבער אויסרעכענען דעם סכום אַרבעט אין די פּראָדוקטן, וועלכן זי ווייס שוין אַקוראַט און אַבסאָלוט, נאָכאַמאָל אויסצודריקן אים, דערביי אין א רעלאַטיווער, אומבאַשטימטער און קנאַפּער מאָס, וועלכע מ'האָט פריער בעאיין-ברייַרע געמוזט באַנוצן,—באַרעכענען דעם סכום אַרבעט דורך א דריטן פּראָדוקט, און דערביי ניט אַף דער נאַטירלאַכער אַבסאָלוטער מאָס, נאָר אַף א ר ב ע ט ס-צ יי ט. בא די דערמאָנטע באַדינגונגען וועט

די געזעלשאַפט ניט גיין שאַצן די פּראָדוקטן אף א וועלכן ס'איז ווערט. אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט וועט מען די פּראָדוצירטע פּראָדוקטן ניט דאַרפן אויסבײַטן אײנע אף די צווייטע, מ'וועט פאַרשפּאָרן זיי קויפן אָדער פאַרקויפן. זיי וועלן פּאָשעט אָנקומען אָף די געזעלשאַפטלאַכע לאַגערן און פון דאָרט וועט זיי זיך נעמען יעדער אײנער, ווער עס דאַרף זיי. דאַן וועט בא די מענטשן אַלץ צוגיין זייער פּראָסט, אָן שום „ווערטן".

219 פון דאַנען איז אָבער נאָך ניט געדרונגען, אַז אין דער קומענדיקער געזעלשאַפט וועט יעדער האָבן דאָס פולע רעכט אפן גאַנצן פּראָדוקט פון זיין אַרבעט. אויב דער ג א נ צ ע ר פּראָדוקט זאָל בלייבן בא די אַרבעטער, דאַן וואָלט די וויכטיקסטע פּראָגרעסיווע פונקציע בא דער געזעלשאַפט — די אָפּשפּאָרונג אָפּגעשטאָרבן, אָדער מ'וואָלט זיך דערין פאַרלאָזט אָף דער טעטיקייט און אָף דעם אײגענעם ווילן פון יערן באַזונדער. א טייל פון דער אויסאַרבעטונג מוז אָבער גיין אָף צו פאַרברייטערן און פאַרבעסערן די פּראָדוקציע. און אויב אײנצעלנע פּערזאָנען וועלן מעגן טאָן, וואָס זיי ווילן מיט זייער „האַכנאָסע", דאַן וואָלט די געזעלשאַפט, אין בעסטן פאַל, געבליבן פונקט אַזוי רייך אָדער אַזוי אָרעם, ווי זי איז געווען. די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט וואָלט געבליבן שטיין אף א טויטן פונקט.

7. פּאָשעטע אַרבעט און קאָמפּליצירטע.

135 אויבן האָבן מיר קלאָר געמאַכט, אַז די ווערט פון א סכוירע איז ניט מער ווי דער אויסדרוק פון דער געזעלשאַפטלאַך-נויטיקער מענטשלאַכער אַרבעט, וועלכע איז אין דער סכוירע רעאַליזירט געוואָרן. אַרבעט הייסט די פאַרנוצונג פון פּאָשעטער אַרבעטס-קראַפט, וועלכע יעדער באַסאַר-וואָדאָם, אָן שום ספּעציעלער אַנטוויקלונג, פאַרמאָגט אין זיין פיזישן אָרגאַניזם. אַרבעט, פאַר זיך גענומען, קאָלזמאַן זי איז ניט רעאַליזירט געוואָרן אין א קעגנשטאַנד, קאָן קיין שום ווערט ניט האָבן. ריידן סטאַם וועגן דער ווערט פון אַרבעט קאָן מען פונקט מיט אַזוי רעכט, ווי מ'זאָל

ווערן טאַינען, אַ שטייגער, אַז וואָג איז אַן אייגנשאַפט ניט בלויז
פון דעם פיזישן קערפּער, נאָר פון דער שווערקייט גופא.
אַ פּראָדוקט פון איין שאָ אַרבעט וועט בײַ צוויי אַרבעטער,
זאָלן ביידע אַפילו זיין פון איין פּראָדוקציאָנס-בראַנזשע, שטענדיק
136 האָבן אַ פאַרשיידענע ווערט, עס ווענדט זיך אין דער אינטענ-
סיווקייט פון דער אַרבעט און אין דעם אַרבעטערס קונסט. אַ
פּראָדוקט פון איין שאָ קאָמפּליצירטער אַרבעט איז אַ סכוירע מיט
134 אַ סאַך אַ העכערן ווערט, צוויימאָל, דריימאָל אַזוי פיל אין פאַר-
גלייך מיט אַ פּראָדוקט פון פּאָשעטער אַרבעט.
133 „די מער קאָמפּליצירטערע אַרבעט האָט אַ באַדייטונג פון
אַ געקייפּלטע, אַ געהעכערטע אין גראַד פּראָסטע אַרבעט, אַזוי
אַז אַ קלענערער סכום קאָמפּליצירטע אַרבעט איז גלייך צו
אַ גרעסערן סכום פּאָשעטע אַרבעט. די פּראַקטיק ווייזט, אַז עס
קומט קעסיידער פאָר אַזאַ צוגלייכעניש פון איין מין אַרבעט
צום צווייטן. אַ געוויסע סכוירע מעג זיך זיין אַ פּראָדוקט פון
דער קאָמפּליצירטעסטער אַרבעט, איז דאָך די ווערט אירער צו-
געגליכן צו אַ פּראָדוקט פון פּאָשעטער אַרבעט, און דערום איז
יעדע סכוירע אין טאָך בלויז אַ באַשטימטער סכום פּ אָ ש ע ט ע
אַ ר ב ע ט. די ווערט פון פּראָדוקטן פון קאָמפּליצירטער אַרבעט
ווערט באַשטימט דורך אַ גלייכונג, אויסגעדריקט דורך באַשטימטע
סכומען פון פּאָשעטער אַרבעט. דאָס אַריבערפירן פון קאָמפּלי-
צירטער אַרבעט אין פּאָשעטע קומט פאָר אַלס פּראָצעס הינטערן
רוקן פון די פּראָדוצירער און דערום דוכט זיך זיי, אַז דאָס
עקזיסטירט אַזוי לויטן מינהג.“
136 ווי אַזוי זשע ווערט פאַרענטפערט די פראַגע וועגן אַ הע-
כערן לוין פאַר קאָמפּליצירטע אַרבעט?
אין אַ געזעלשאַפט פון פּריוואַטע פּראָדוצירער פאַלן די
136 הוצאָות פון לערנען די מלאָכה אויף פּריוואַטע פּערזאָנען אָדער
אויף זייערע פאַמיליעס, דערום באַקומען פּריוואַטע מענטשן פריער
פאַר אַנדערע אַ העכערן לוין פאַר דער געלערנטער אַרבעטס-קראַפט.
פּונקט ווי אַמאָל פלעגט דער געלערנטער קנעכט טייערער פאַר-
קויפט ווערן, אַזוי ווערט אַצינד דער געלערנטער לוין-אַרבעטער

137 באַלוינט אַף אַ העכערן מעקאַך. אין דער סאָציאַליסטיש אָרגאַני-
זירטע געזעלשאַפט וועלן די דאָזיקע הויצאָעס געדעקט ווערן דורך
דער געזעלשאַפט, און דערום וועלן צו איר געהערן מעמיילע אויך
די העכערע ווערטן, געשאַפענע דורך דער קאָמפּליצירטער אַרבעט.
דער אַרבעטער קאָן ניט פּרעטענדירן אַף קיין שום מויסרעס, פון
דאַנען איז קלאָר, אַז אַפילע אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט
וועט ניט פאַרווירקלאַכט ווערן דעם אַרבעטערס רעכט, אַפן גאַנצן
פּראָדוקט פון זיין אַרבעט.

8. קאַפּיטאַל און מערווערט.

אויבן איז אונז קלאָר געוואָרן, אַז דער געזעלשאַפטלאַכער
כאַראַקטער פון סכוירעס נעמט זיך פון זייער געברויך-ווערט און
בייט-ווערט. אין דער קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט ווערן גע-
ברויך-ווערטן נאָר אַף אַזוי פיל געשאַפן, אַף וויפל זיי זיינען
טרעגער פון בייט-ווערטן. דער קאַפּיטאַליסט זאָרגט זיך וועגן
צוויי זאַכן: ערשטנס, וויל ער פּראָדוצירן אַזאַ געברויך-ווערט,
וואָס זאָל האָבן אַ בייט-ווערט, ד. ה. אַ זאַך צום פאַרקויפן —
אַ סכוירע; צווייטנס, שטרעבט ער צו פּראָדוצירן די סכוירע אַזוי,
אַז איר ווערט זאָל באַטרעפן מער, איידער דער סכום ווערטן
פון די פּראָדוציר-מיטלען און דער אַרבעטס-קראַפט, אין וועלכע
ער האָט אַריינגעלייגט זיין בלוטיק געלט, אַן אוואַנס דעם מארק
ער האָט אין זינען צו פּראָדוצירן ניט בלויז אַ געברויך-ווערט,
נאָר סתּם אַ ווערט, און ניט אַזוי זיך אַ ווערט, נאָר אויך
מ ע ר ו ו ע ר ט.

פון וואַנען קומט די מערווערט? זי קאָן זיך דאָך ניט נע-
138 מען דערפון, וואָס דער קוינע קויפט די סכוירע נידעריקער פון
איר ווערט אָדער וואָס דער פאַרקויפער בעט העכער פון דער
ווערט. אין ביידע פאַלן וואָלט זיך דער רעוואַך מיטן אָנווער
קעגנזייטיק אויסגעגליכן באַ יעדן פון זיי, וואָרום יעדער איינער
איז היינט אַ קוינע, מאָרגן אַ פאַרקויפער. די מערווערט קאָן
אויך ניט קומען דורך שווינדל, ווייל שווינדל באַרייכערט איינעם
אָן צווייטנס כעשבן, אָבער די אַלגעמיינע סומע, וועלכע ביידע

איגאיינעם פֿאַרמאָגן, ווערט דאָך דערפֿון ניט פֿאַרגרעסערט, אלזא
דער אַלגעמיינער סכום אומזאָץ-ווערטן קאָן ניט פֿאַרגרעסערט
ווערן. אַ קלאס קאַפּיטאליסטן פֿון אַ געוויסן לאנד קאָן זיך אַליין
ניט נאַרן.
138 און דאָך זען מיר, אַז אַ גאַנצער קלאס קאַפּיטאַליסטן
פֿון יעדן לאנד, בּיכלאל גענומען, ווערט פֿאַר אונזערע אויגן
קעסיידער בּאַרייכערט, ער פֿארקויפֿט טייערער איידער ער קויפֿט
און נעמט זיך פּראָפֿיט — מערווערט. און אַזוי קומען מיר
ווידער צו דער פֿראגע: פֿון וואנען נעמט זיך פּאָרט מערווערט?
ווי קאָן מען דאָס קעסיידער פֿארקויפֿן טייערער, ווי מ'האָט גע-
קויפֿט, אויב מיר זאָלן אַפֿילע האלטן, אַז קעסיידער ווערן גלייכע
ווערטן אויסגעבּיטן אַף גלייכע?
138 אין דער אַנטשיידונג פֿון דער פֿראגע שטעקט דער גרוי-
סער היסטאָרישער פֿארדינסט פֿון מארקס ווערק. זיי האָבּן העל
בּאַלויכטן אַזעלכע עקאָנאָמישע געבּיטן, וואו סאָציאַליסטן האָבּן
ניט ווייניקער, ווי די בּורזשואַזע עקאָנאָמיסטן, בּיז איצט גע-
בּלאָנדזשעט אין דער פֿינסטער. און ערשט נאָך דער פֿאַרענטפֿע-
רינג פֿון אָט דער פֿראגע האָט זיך בּאוויזן אַ בּאָדן פֿארן וויסנ-
שאפֿטלאכן סאָציאַליזם. דער ענטפֿער איז אַזאַ. די סומעס אומזאָץ-
138 געלט, וואס דארפֿן זיך פֿאַרוואנדלען אין קאַפּיטאל, קאנען ניט
פֿאַרגרעסערט ווערן פֿון זיך אַליין, פֿון געלט אָדער פֿון איינקויפֿן
סכוירעס, ווייל אינם קויף-פּראָצעס רעאַליזירט מען דאָך נאָר
געלט די פּרייז פֿון דער סכוירע, און לויט מיר האָבּן אָנגענומען,
אַז עס ווערן אויסגעבּיטן נאָר גלייכע ווערטן, אַנטשפּרעכט די
פּרייז דעם ווערט פֿון דער סכוירע. אַף דעם זעלבּן סמאך קאָן
די ווערט ניט פֿארגרעסערט ווערן אויך אינם פּראָצעס פֿון
פֿארקויפֿן די סכוירע. אַפֿאָנים, אַז די פֿארענדערונג מוז פֿאר-
קומען נאָר מיט דער סכוירע אַליין, וועלכע ווערט געקויפֿט;
אָבּער ניט דער סטאם-ווערט אירער ענדערט זיך, ווייל די
סכוירע ווערט געקויפֿט און פֿאַרקויפֿט לויט איר ווערט, נאָר
מער ניט ווי דער געבּרויך-ווערט אַליין; בּעכיין, מוז די
פֿארענדערונג אַרויסקומען דורכן געבּרויך, דורכן פֿאַרנוצן

די סכוירע. אַבער קעדיי אַרויסבאַקומען פונם געברויך ווידער אַ
ווערט, מוז אונזער קאַפּיטאַליסט אָפּגליקן צו געפינען אַפן מאַרק
אַזאַ מין סכוירע, וואָס איר געברויך-ווערט זאָל האָבן אין זיך די
ספּעציפישע מאַילע צו ווערן אַ קוואַל פון נייע ווערטן, אַזוי
אַז דאָס פאַרנוצן די סכוירע זאָל אויסקומען אַלס אַ פאַרקער-
פערונג פון אַרבעט, ד. ה. אַ באַשאַפונג פון אַ נייער ווערט. און
דער געלט-אייגנטימער געפינט ריכטיק אַפן מאַרק אַזאַ מין
סכוירע די *אַרבעטס-קראַפט*. די אַרבעטס-קראַפט באַקומט
אַ ווערט, ווי נאָר זי ווערט אַ סכוירע, און ווי פאַר יעדער
סכוירע, אַזוי ווערט אויך פאַר איר די ווערט באַשטימט דורך דער
אַרבעטס-צייט, וועלכע פאָדערט זיך אַף צו פּראָדוצירן, אַלזאָ אויך
אַף צו באַנייען דעם דאָזיקן ספּעציפישן אַרטיקל; ד. ה. דורך
אַזוי פיל אַרבעטס-צייט, וויפל עס איז נויטיק אַף אויסצואַרבעטן די
לעבנס-מיטלען, וועלכע דער אַרבעטער באַדאַרף האָבן, קעדיי זיך 139
אופהאַלטן אין אַ צושטאַנד פון טויגן ווייטער צו דער אַרבעט
און קעדיי לאָזן נאָך זיך אַ דאָר. לאָמיר זאָגן, אַז די לעבנס-
מיטלען באַטרעפן טעגלאַך 6 שאָען אַרבעטס-צייט. אונזער קאַפּי-
טאַליסט קויפט זיך אַפן מאַרק אַרבעטס-קראַפט ביכדיי צו פירן
זיין אונטערנעמונג, ד. ה. ער דינגט זיך אָן אַרבעטער, און אויב
ער וועט אים באַצאָלן אַזוי פיל געלט, וויפל עס באַטרעפן 6 שאָ
אַרבעט, וועט ער דערמיט אים האָבן אינגאַנצן באַצאָלט די טאָג-
ווערט פון דער אַרבעטס-קראַפט. נאָר אויב דער אַרבעטער וועט
אָפּאַרבעטן באַם דאָזיקן קאַפּיטאַליסט 6 שאָ, וועט ער אים נאָר
אומקערן די קאָסטן, ד. ה. דעם באַצאָלטן ווערט פון אַ טאָג
אַרבעטס-קראַפט; דאַן וואָלט נאָך פון דעם געלט קיין קאַפּיטאַל
ניט ווערן, עס וואָלט נאָך ניט געשאַפן ווערן קיין מערווערט.
דערום קוקט דער קויפער פון אַרבעטס-קראַפט גאָר אַנדערש אַף
דער גאַנצער קניע. דאָס, וואָס 6 שאָ אַרבעט איז שוין אויך גע-
נוג אַף אויסצוהאַלטן דעם אַרבעטער אַ גאַנצן מעסלעס, שטערט
נאָך ניט דעם אַרבעטער צו אַרבעטן 12 שאָ פון די 24. די ווערט
פון דער אַרבעטס-קראַפט און די רעאַליזירונג (אויסנוצונג) אירע
אינם אַרבעטס-פּראָצעס—זיינען גאָר צוויי באַזונדערע זאַכן. דער

געלט-האָבער האָט באַצאָלט אַ טאָג-ווערט פון דער אַרגעטס
קראַפט, דערום געהערט אים דאָס רעכט צו פאַרווענדן די קראַפט
אַ גאַנצן טאָג, אים געהערט אַ טאָג אַרבעט. דאָס, וואָס די ווערט,
וועלכע מ׳באַשאַפט, פאַרברויכנדיק די אַרבעטס-קראַפט אין
מעשעך פון אַ טאָג צייט, איז צוויי מאָל גרעסער איידער די
ווערט פון דער ארבעטס-קראַפט אַליין, איז פּאַשעט אַ גליק פאַרן
קויפער פון אַרבעטס-קראַפט, אָבער, לויט די געזעצן פון סכוירע-
בייט, געשיט דאָ ניט קיין שום אומגערעכטיקייט אנטקעגן איר
פאַרקויפער. בעכיין באַקומט דער אַרבעטער, לויט מיר האָבן אָנ-
גענומען, פון דעם קאַפּיטאַל-באַזיצער טעגלאַך אַ געוויסן סכום
פּראָדוקטן, וועלכער באַטרעפט די ווערט פון 6 שאָ אַרבעט, און
אַליין פאַרשאַפט ער אים טעגלאַך אַ פּראָדוקט וועלכער באַ- 139
טרעפט 12 שאָ אַרבעט. דעם געלט-האָבער בלייבט איבער, אַ
כעשבן, פון 6 שאָ ניט קיין באַלוינטער איבעראַרבעט, ד. ה. אַ
ניט קיין באַלוינטער מער-פּראָדוקט, וועלכער פאַרמאָגט אין זיך
6 שאָ אַרבעט. די קונץ איז געמאַכט. ס׳איז באַשאַפן אַ מער-
ווערט, פון געלט איז געוואָרן קאַפּיטאַל.

באַווייזנדיק, ווי אַזוי עס נעמט זיך מערווערט און אַז אַנ-
דערש קאָן זי ניט קומען, קאָלומאַן עס הערשן די רעגולירנדיקע 139
געזעצן פון סכוירע-בייט, האָט מאַרקס דערמיט אַנטפּלעקט דעם
גאַנצן מעכאַניזם פון דעם היינטיקן קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע-
שטייגער. און, מעמיילע, אויך פון פאַראייגענען זיך די מערווערט;
ד. ה. ער האָט אנטפּלעקט דעם גרונט-עלעמענט, וועלכער ליגט
אין צענטר פון היינטיקער גאַנצער געזעלשאַפטלאַכער אָרדנונג.
אַגעוו, איין איקער-טנאַי פאַדערט דער קאַפּיטאַליזם: בּיכדיי צו
פאַרוואַנדלען געלט אין קאַפּיטאַל, מוז דער געלטהאָבער געפינען
אַפן סכוירע-מאַרק אַ פרייעם אַרבעטער, פריי אין טאָפּלטן זין:
ערשטנס, אין דעם זין, וואָס ער איז אַ פרייער מענטש און האָט 139
אַליין צו שאַפן מיט זיין אַרבעט-קראַפט ווי מיט אַ סכוירע; צוויי-
טנס, וואָס קיין אַנדער סכוירע צו פאַרקויפן האָט ער ניט, ער
איז ניט קיין פאַרנומענער—אַ פרייער מענטש, פריי פון די אַלע
זאַכן, וועלכע מ׳דאַרף האָבן אַף צו לאָזן גיין זיין אַרבעטס-קראַפט.

די צעטיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף פאַרמעגערס פון געלט אָדער פון סכוירעס, פון איין זייט, און פאַרמעגערס בלויז פון אַרבעט-קראַפט, פון דער צווייטער זייט,— איז ניט קיין נאַטירלאַכע פאַרהעלטעניש און איז ניט קיין קוואַל פאַר אַלע היסטאָרישע פּעריאָדן: דאָס איז, זעט אויס, פּשוט אַ רעזולטאַט פון אַ פאַרגאַנגענער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, אַ פּראָדוקט פון אַ יערידע פון אַ גאַנצער ריי אַלטע פאָרמאַציעס פון געזעלשאַפטלאַכער פּראָדוקציע.

140 דער פרייער אַרבעטער באַווייזט זיך אין אַ גרויסער מאַסע צום ערשטן מאָל סוף 15-טן אָנהויב 16 יאָרהונדערטס, אַדאַנק דער צעפאַלונג פון דעם פעאָדאַלן פּראָדוקציע-שטייגער. דורך דעם דאָזיקן אומשטאַנד, ווי אויך דורך דעם באַשאַפן ווערן פון אַ וועלט-מאַרק און וועלטהאַנדל צו יענער צייט, איז פאַרלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין, אויף וועלכן די מאַסע מעזומענע באַוועגלאַכע רייכטימער האָט זיך אַלץ מער געמוזט פאַרוואַנדלען אין קאַפּיטאַל; און דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע-שטייגער, וועלכער פירט צו דער באַשאַפונג פון מערווערט, האָט געמוזט אַלץ מער און מער ווערן דער איינציק הערשנדיקער.

נאָר דאַן קאָן ווערן פון אַ געוויסן סכום ווערטן אַ קאַפּיטאַל, ווען זיי ווערן אַריינגעלייגט אין אַן אונטערנעמונג, *באַשאַפֿנדיק מערווערט*.

דריטער אָפּטייל.

סאָציאַליזם.

פון אוטאָפּיסטישן סאָציאַליזם צום וויסנשאַפטלאכן.

1. דאָס מאַטעריאַליסטישע פארשטיין די געשיכטע.

דאָס מאַטעריאַליסטישע פארשטיין די געשיכטע גייט אַרויס
פון דער האַנאַכע, אז די פּראָדוקציע, און מיט איר צוזאַמען דער 184
סכּירע-בּייט—זיינען דער יעסאָד פון דער גאַנצער געזעלשאַפט-
לאַכער אָרדנונג; אַז אין יעדער היסטאָרישער פאָרם פון געזעל-
שאַפטלאכן לעבן ווענדט זיך די פארטיילונג פון פּראָדוקטן, ווי
אויך די סאָציאַלע דיפערענציאַציע אַף קלאַסן און שטאַנדן פון
דערויף, וואָס און ווי אַזוי עס ווערט דעמאָלט פּראָדוצירט און ווי
אַרום דאָס פּראָדוצירטע ווערט אויסגעבּיטן. דערום מוז מען זוכן
די גרונט-סיבּעס פון אַלע געזעלשאַפטלאַכע פארענדערונגען און
פּאָליטישע איבּערקערענישן נישט אין די מענטשלאַכע מויכעס און
אויך ניט אין די באַגריפן וועגן אייבּיקן עמעס און יוישער, וועל-
כע בּייטן זיך באַגלייַך מיט דער געשיכטע, נאָר אין דער איבּער-
אַנדערשונג פון דעם פּראָדוקציע-און אויסבּייט-שטייגער; ניט אין
דער פילאָסאָפיע, נאָר אין דער עקאָנאָמיק פון דער געגעבּענער
עפּאָכע שטעקן די סיבּעס. ווען עס קומט-אויף דער באַוואוסטזיין,
אַז די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטלאכע איינריכטונגען זיינען ניט
קיין סייכלדיקע און ניט קיין יוישערדיקע, אַז דאָס וואָס מ'האָט

געהאַלטן פאַר סייכלדיק האָט גאָר קיין זינען ניט, און ענדלאַך,
אַז וואָס מ'האָט גערעכנט פאַר א טויווע, קומט גאָר דערפון אַרויס
אַ רעָע,—איז דאָס אַלץ ניט מער ווי אַ סימפּטאָם דערפון, אַז אין
דעם פּראָדוקציע-שטייגער און אין די אויסבייט-פאָרמען זיינען
פאָרגעקומען אַזעלכע שינויאים, וועלכע זיי אַנטשפּרעכט שוין ניט
די געזעלשאַפטלאַכע אָרדנונג אַלס א געבויטע אף די פריערדיקע
עקאָנאָמישע באַדינגונגען. פון אַזאַ מין פאַרשטיין די געשיכטע איז
שוין מעמיילע געדרונגען, אַז די מיטלען אף צו באַזייטיקן די
אַנטפּלעקטע פעלערן מוזן שטעקן אין די פּראָדוקציאָנס-פאַרהעל-
טענישן גופא, אין זייער מער-ווייניקער אַנטוויקלטער פאָרם. די
מיטלען ווערן פון קאָפּ ניט אויסגעטראַכט, מ'זוכט זיי נאָר אָפּ
מיטן קאָפּ אין די פאַראַנענע מאַטעריעלע באַדינגונגען פון דער
פּראָדוקציע.

2. דער מאָדערנער סאָציאַליזם.

איז וואָס קאָן מען זאָגן וועגן דעם היינטיקן סאָציאַליזם
אַרויסגייענדיק פון דעם אויבנגעזאָגטן?

די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטלאַכע אָרדנונג איז געשאַפן
185 געוואָרן דורכן הערשנדיקן קלאַס—דורך דער בורזשואַזיע. דער
בורזשואַזער פּראָדוקציע-שטייגער, וועלכער רופט זיך, פון מאַרקסן
אָן, קאַפּיטאַליסטישער שטייגער, האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן קיין
פּריווילעגיעס פון באַזונדערע שטאַנדן און געגנטן, ווי אויך ניט
דעם לייב-אייגנטום פון דער פעאָדאַלער אָרדנונג; האָט די בור-
זשואַזיע די לעצטע אָרדנונג כאָרעוו געמאַכט און באַשאַפן אף אירע
כורוועס די בורזשואַזע געזעלשאַפטלאַכע אָרדנונג, אַ מעלוכע פון
פרייער קאָנקורענץ, פרייעם פאַרקער, גלייכבאַרעכטיקונג פאַר סאָכ-
רים און פון אַלע איבעריקע בורזשואַזע געדולעס: דער קאַפּיטאַ-
ליסטישער פּראָדוקציע-שטייגער האָט איצט געקאָנט זיך פריי אַנט-
וויקלען. די פּראָדוקטיווע קויכעס, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן
באַ דער הערשונג פון דער בורזשואַזיע, האָבן זיך אַנטוויקלט
אומגעהייער גיך אין אַן אומגעהערטער מאָס. פון יענעם מאָמענט

אָן, ווען די פריערקע מאַנופאַקטור איז אַדאַנק דעם דאַמף און די מאַשינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער אינדוסטריע. נאָר פּונקט ווי די מאַנופאַקטור אין איר צייט איז געקומען אין אַ קאָנפליקט מיט די קייטן פון די פעאָדאַלע צעכן, אַזוי קומט אויך שפּעטער די גרויסע אינדוסטריע, בעת איר פולער אַנטוויקלונג, אין אַ צונויפשטויס מיט יענע גרעניצן, מיט וועלכע דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע-שטייגער פאַרשטעלט זי. שוין אַצינד זיינען די נייע פּראָדוקטיווע קויכעס איבערגעשטיגן די בורזשואזע פאָרם, אין וועלכער זיי ווערן עקספּלואַטירט. דער אויפגעקומענער קאָנפליקט צווישן די פּראָדוקטיווע קויכעס מיט דעם פּראָדוקציע-שטייגער איז ניט סתּם קיין אויסגעטראַכטער ווידערשפּרוך פון די מענטשנס קאָפּ אַרויס, ער עקזיסטירט ווירקלאַך אָביעקטיוו אויסער אונז, ניט פרעגנדיק דעם ווילן און פאַרלאַנג פון די זעלבע מענטשן, וואָס האָבן אים געשאַפן. דער היינטיקער סאָציאַליזם איז ניט מער ווי אַ געדאַנקען-אָפּשפּיגלונג פון אַט דעם מאַטעריעלן קאָנפליקט, אַן אידעאַלער אויסדרוק זיינער אין די מויכעס פון יענעם קלאַס, וועלכער שטייט דירעקט אויס דעם גאַנצן קאָנפליקט—פון דעם אַרבעטער-קלאַס.

3. קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע. קאָנצענטראַציע פון די פּראָדוציר-מיטלען. קאַפּיטאַליסטישע פאַראייגנונג. 185

איידער עס איז אויפגעקומען די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע, דעהיינע אין מיטלאַלטער, האָט אומעטום עקזיסטירט די קליינע פּראָדוקציע, באַזירנדיק זיך אויף פּריוואַט-אייגנטום פון יעדן באַלמעלאָכע אויף זיינע פּראָדוציר-מיטלען: די ערדאַרבעט—באַם קליינעם פּויער און האַנטווערקעריי—אין די שטעט. די פּראָדוציר-מיטלען: די ערד, לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, ווערקשטאַטן, דעם באַלמעלאָכעס האַנטגעצייג,—זיינען געווען די אַרבעט-מיטלען פון יעדן איינציקן מענטשן, אויסגערעכנט נאָר פאַר אייגענעם געברויך, פאַר אַ קליינער, זייער באַגרעניצטער פּיצעלע ווירטשאַפט. דערום פלעגן זיי געוויינטלאַך געהערן צו די פּראָדוצירער אַליין. קאָנ-

צענטרירן די אַלע יעכידישע קליינע צעזייטע און צעשפּרייטע פּראָ-
דוציר-מיטלען, פאַרברייטערן זיי, מאַכן פון זיי דעם מעכטיקן היינ-
טיקן פּראָדוקטיוון הויבער,—דאָס איז געווען די עכטע היסטאָ-
רישע אויפגאַבע פון דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע-שטייגער און
פון זיין פאָרשטייערין—דער בורזשואַזיע. נאָר פון קיין קליינע
אַרבעטס-געצייג האָט די בורזשואַזיע ניט געקאָנט מאַכן קיין מעכ-
טיקע טרייבמאַשין פון פּראָדוקטיוון קויאַך, סיידן זי זאָל פאַר-
וואַנדלען די געצייג פון איינצעלנע פּערזאָנען אין געזעלשאַפטלאכן
געצייג, וואָס זאָל טויגן צום געברויך אין מאַסן-אַרבעט. אַפן אָרט
פון א האַנט-שפּינראָד, פון אַ האַנט-וועבשטול אָדער א האַנט-
האַמער באַווייזן זיך שפּינמאַשינען, מעכאַנישע וועבשטולן, דאַמף-
האַמערס; אַנשטאַט באַזונדערע ווערקשטאַטן—פאַבריקן, וואָס פאַר-
איייניקן הונדערטער און טויזנטער איינצעלנע ווערקשטאַטן. באַ-
גלייך מיט די פּראָדוציר-מיטלען איז אויך די פּראָדוקציע גופע
געוואָרן פון א ריי פּריוואַטע פונקציעס—געזעלשאַפטלאכע, און פון
יעכידים - פּראָדוקטן—געזעלשאַפטלאכע פּראָדוקטן. גאַרן, געוועבן,
מעטאַלענע סכוירעס—דאָס זיינען איצט אַלץ אַרטיקלען פון פאַב-
ריק-פּראָדוקציע, אויסגעאַרבעטע דורך געמיינזאַמער אַרבעט
פון אַסאַך אַרבעטער, דורכגעגאַנגענע דורך זייערע אַלעמענס הענט,
ביז זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן. קיינער פון די אַרבעטער קאָן ניט
זאָגן: דאָס האָב איך געמאַכט, דאָס איז מיין פּראָדוקט.
און וואו עס האָט זיך נאַטירלאַכערווייז אַנטוויקלט די אַר-
בעט-צעטיילונג אינעווייניק אין דער געזעלשאַפט, אלס די גרונט-
186 פאָרם פון דער פּראָדוקציע, דאָרט נעמען די פּראָדוקטן אָן די
פאָרם פון סכוירעס, און דער קעגנזייטיקער אויסבייט פון זיי,
דער קויף און פאַרקויף, ברייננט צו געוויסע באַשטימטע פאַר-
העלטענישן צווישן איינצעלנע פּראָדוצירער; ער גיט זיי די מעג-
לאַכקייט צו באַפרידיקן זייערע פאַרשיידנאַרטיקע באַדערפענישן.
אַזוי, איז עס טאַקע געווען אין מיטלאַלטער. דער פּויער, לעמאָשל,
פלעגט פאַרקייפן זיינע דאָרפס-פּראָדוקטן דעם האַנטווערקער און
קויפן אַנשטאַט דעם פּראָדוקטן פון האַנט-ווערקעריי. שפּעטער איז
אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט פון יעכידים פּראָדוצירער, אריינ-

געדרונגען אַ נייער פּראָדוקציע-שטייגער. אנשטאָט דער נאַטיר-לאַכער צעטיילונג פון אַרבעט אָן אַ שום פּלאַן, ווי ס'האָט זיך געפירט אין דער גאַנצער געזעלשאַפט, איז געקומען די פּלאַנ-מעסיקע אַרבעטס-צעטיילונג, אָרגאַניזירט אויף יעדער פאַבריק באַזונדער; נעבן דער קליינער פּראָדוקציע האָט זיך באַוויזן געזעל-שאַפטלעכע פּראָדוקציע. אין אָנהייב פלעגן די פּראָדוקטן פון ביידע פּראָדוקציעס פאַרקויפט ווערן אויף איין מאַרק און, אַן ערעך, אַפן זעלבן מעקאַך. די פּלאַנמעסיקע אָרגאַניזאַציע איז אָבער געווען אַ סך שטאַרקער פון נאַטירלאַך-אַנטוויקלטער אַר-בעט-צעטיילונג, דערום האָבן גאָר אינגיכן די פאַבריקן אָנגע-הויבן די פּראָדוקטן פון זייער געזעלשאַפטלאַכער אַרבעט פאַר-קויפן ביליקער, ווי די קליינע יעכידים פּראָדוצירער. די קליינע פּראָדוקציע האָט אָנגעהויבן אַרויסגעשטויסן ווערן פון איין גע-ביט נאָכן צווייטן; אַלזאָ, די פאַרגעזעלשאַפטלאַכטע פּראָדוקציע האָט איינגאַנצן רעוואָלוציאָניזירט דעם פריערדיקן פּראָדוקציע-שטייגער. מ'האָט אָבער אַזוי ווייניק פאַרשטאַנען דעם רעוואָלו-ציאָנערישן כאַראַקטער דערפון, אַז מ'פלעגט באַם איינפירן דעם נייעם שטייגער אין זינען האָבן, אַדראַבע, צו פאַרפאָלקאָמען און אופהייבן די פריערדיקע סכוירע-פּראָדוקציע. און דאָס איז פאַרשטענדלאַך, וואָרום דער נייער פּראָדוקציע-שטייגער האָט זיך דאָך בעפּייִרעש אַנטוויקלט דירעקט פון דעם באַשטימטן, שוין דאַן פאַראַנענעם הייבער פון דער פּראָדוקציע און פון דעם סכוירע-בייט: דאָס איז געווען דער האַנדלס-קאַ-פּיטאַל, האַנטווערקעריי און לוין-אַרבעט. האַגאַם די געזעלשאַפטלאַכע פּראָדוקציע איז אויסגעקומען, ווי אַ נייע פאָרם פון סכוירע-פּראָדוקציע, דאָך זיינען פאַרבליבן אין דער פולער מאָס די אַלטע פאַרייגנונגס-פאָרמען, ווי עס געהער צו דעם אַלטן שטייגער פון סכוירע-פּראָדוקציע.

בעאייס דער סכוירע-פּראָדוקציע, ווי זי האָט עקזיסטירט
186 אין מיטלאַלטער, איז קיין פראַגע ניט געווען, וועמען עס דאַרף געהערן דער אויסגעאַרבעטער פּראָדוקט. דער יאָכיד-פּראָדוצירער פלעגט געוויינטלאַך באַאַרבעטן זיין אייגענעם, און אָפט אויך, אליין

געמאַכטן, רויוואַרג—מיט זיין אייגן געצייג, מיט זיין אייגענער האַנטאַרבעט אָדער מיט זיין פאַמיליעס פראַצע. אים איז ניט אויסגעקומען די סכוירע ערשט צו פאַראייגנען, זי האָט פּאַשעט געהערט צו אים אליין. דאָס אייגנטום-רעכט אף א פּראָדוקט האָט אַזוי אַרום זיך געהאַלטן אף אייגענער פראַצע. טאָמער פלעגט מען אַמאָל ערגיץ יא פאַרווענדן פרעמדע אַרבעט, איז עס געווען אַ ביי-זאַך, און דער צוגעדונגענער אַרבעטער האָט אין אזא פאַל אויסערן אַרבעטס-לוין באַקומען נאָך אַנדערש באַלויגט—לעמאָשל, דער לערן-אינגל אָדער דער געהילף-מייסטער פלעגן אַרבעטן ניט בלויז פאַרן עסן און געצאָלטס, נאָר קעדיי אויסלערנען זיך די מעלאָכע. ווען די פּראָדוציר-מיטלען זיינען אָבער קאָנצענטרירט געוואָרן אין די גרויסע ווערקשטאַטן און מאַנופאַקטורן, איז דעמאָלט דערמיט פאַרלייגט געוואָרן א פונדאַמענט פאַר דער פאַרגעזעלשאַפטלאַכונג פון די פּראָדוציר-מיטלען, אָבער די דאָזיקע פאַרגעזעלשאַפטלאַכטע פּראָדוציר-מיטלען ווי אויך די אַרבעט-פּראָדוקטן האָבן פאַקטיש געשפּילט די זעלבע ראָל, ווי פריער, בעאייס די פּראָדוציר-מיטלען און די פּראָדוקטן האָבן געהערט צו באַזונדערע יעכידים-באַלעבאַטים. ביז דעמאָלט פלעגט דער אייגנטימער פון די פּראָדוציר-מיטלען זיך מאַכן פאַר אַן אייגנס די פּראָדוקטן, ווייל א קלאַל האָט ער געהאט, אַז דאָס זיינען פּראָדוקטן פון זיין אַרבעט, און פרעמדע באַהילף-אַרבעט פלעגט זיך טרעפן אין אַן אויסנאַם; איצט אָבער פאַראייגנט דער אייגנטימער פון די פּראָדוציר-מיטלען ווידער פאַר זיך די פּראָדוקטן, האַגאַם זיי זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן ניט מיט זיין אַרבעט, נאָר לאַכלוטן מיט פרעמדער אַרבעט. בעכיין, האָבן די געזעלשאַפטלאַך-פּראָדוצירטע פּראָדוקטן גענומען ווערן פאַראייגנט ניט דורך יענע, וואָס האָבן מיט זייערע אייגענע הענט ווירקלאַך געלאָזט גיין די פּראָדוציר-מיטלען און געשאַפן די פּראָדוקטן, נאָר דורך די קאַפּיטאַליסטן. אין טאָך זיינען די פּראָדוציר-מיטלען און די גאַנצע פּראָדוקציע געוואָרן געזעלשאַפטלאַך, נאָר די פאַראייגנונג איז ווייטער צוגעגאַנגען אין דער פאָרם, וועלכע איז געבויט אַף פּריוואַטער

פראָדוקציע פון איינצעלנע פערזאָנען, ווען יעדער האָט זיין אייגנס אַ פּראָדוקט און טראָגט אים אַליין אין מאַרק אַריין אויסבייטן. דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע-שטייגער האָט זיך אונטערגעוואָרפן דער דאָזיקער פאַראייגנונגס-פאָרם, האָגאָם זי רייסט אים ארונטער. אָט אין דער סטירע, וועלכע דער נייער פּראָדוקציע-שטייגער באַקומט דורך זיין קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער, שטעקט די פאַרבינדונג פון דער גאַנצער קאָליזיע*) פון היינטיקער צייט. וואָס מער דער נייער שטייגער נעמט הערשן אין אַלע וויכטיקסטע צווייגן פון דער פּראָדוקציע און אין אַלע עקאָנאָמיש-פאָרשריטלעכע לענדער און שטויסט דערביי ארויס די קליינע פּראָדוקציע ביז צו די לעצטע רעשטן — אַלץ קלערער ווערט דאָן, אַז מיט יעדן טאָג פאַרשטאַרקט זיך קעסיידער דער הייפּאָך צווישן דער געזעלשאַפטלאַכער פּראָדוקציע מיט דער קאַפּיטאַליסטישער פאָרם פון פאַראייגנען.

4. לוין-אַרבעט.

187 די ערשטע קאַפּיטאַליסטן האָבן געטראָפן די פאָרם פון לוין-אַרבעט שוין פאַרטיקערהייט. דעמאָלט איז אָבער די לוין-אַרבעט געווען אַן אויסנאָם, אַ נעבן-זאַך, אַ באַהילף-אַרבעט, וועלכע האָט עקזיסטירט גאָר אַלס איבערגאַנגס-פאָרם. דער דאָרפס אַרבעטער אַ מאָל, וואָס האָט זיך פון צייט צו צייט פאַרדונגען אַף לוין-אַרבעט, פלעגט פאַרמאָגן זיין אייגנס אַ צוויי מאָרג ערד, וועלכע האָבן אים געקאָנט ווי עס איז קלעקן אַפן לעבן. די צעכן-טאַקאָנעס האָבן געזאָרגט, אַז דאָס לערן-אינגל זאָל אַמאָל אַליין ווערן אַ מייסטער. ווי נאָר אָבער די פּראָדוציר-מיטלען זיינען געוואָרן געזעלשאַפטלאַכע און האָבן זיך קאָנצענטרירט בא די קאַפּיטאַליסטן אין די הענט, האָט זיך דאָס אַלץ געביטן.

*) קאָליזיע — איז אַ צונויפטרעפעניש פון קעגנזועצלאַכע אומשטענדן-איבערז.

די פראָדוציר-מיטלען און פראָדוקטן פון די קליינע יעכי-
188 דים פראָדוצירער זיינען אלץ געפאלן אין זייער ווערט; און פאר די פראָדוצירער איז מער גאָר ניט געבליבן צו טאָן, ווי פאר-דינגען זייער ארבעטס-קראפט דעם קאפיטאליסט. לוין-אַרבעט, וואָס פלעגט זיך פריער טרעפן, ווי אַן אויסנאַם, ווי א נעבן-מיטל, איז אצינד געוואָרן אקלאַל, געוואָרן די גרונט-פאָרם פון דער גאַנצער פראָדוקציע; פון אַ נעבן-זאַך איז די לוין-אַרבעט אצינד געוואָרן פאַרן ארבעטער דאָס איינציקע לעבנס-מיטל. די לוין-ארבעט איז פון א צייטווייליקער געוואָרן אַ שטענדיקע. די צאָל שטענדיקע לוין-אַרבעטער האָט זיך גוואַלדיק פאַרגרעסערט, אַ דאַנק דער גלייכצייטיקער איבערקערעניש אין דער פעאָדאַלער אָרדנונג: די אָפּשאַפונג פון די פעאָדאַלע הויף-דינער, דאָס פאַרטרייבן די פויערים פון זייער ערד א. א. וו. ס'איז אַנטשטאַנען א געפערלאַכע סטירע: פון איין זייט — די קאַפּיטאַליסטן, וועלכע האָבן קאָנצענטרירט אין זייערע הענט אלע פראָדוציר-מיטלען פון דער צווייטער זייט — די פראָדוצירער, וואָס פאַרמאָגן גאָר ניט, כּוץ זייער ארבעטס-קראַפט. די סטירע צווישן דער פאַרגעזעלשאַפטלעכטער פראָדוקציע און דעם קאַפּיטאַליסטישן שטייגער צו פאַר-אייגענען אירע פראָדוקטן איז געוואָרן די סטירע צווישן דער בורזשואַזיע מיטן פּראָלע-טאַריאַט.

5. די אַנאַרכיע אין דער פראָדוקציע. קאָנקורענץ. קאמף פאר די מערק.

דער קאַפּיטאַליסטישער פראָדוקציע-שטייגער איז אריינגע-דרונגען אין א געזעלשאַפט פון סכוירע-פראָדוצירער, וועלכע זיינען
188 צווישן זיך געווען פאַרבונדן דורך דעם אויסבייט פון פראָדוקטן. נאָר יעדע געזעלשאַפט, וועלכע האלט זיך אף סכוירע-פּראָדוקציע, האָט שוין אין זיך אַזאַ אייגנשאַפט, וואָס אירע

פראָדוציר̈ער פארלירן די מאכט איבער זייערע אייגענע געזעלשאפט-
לאכע פארהעלטענישן. יעדער פראָדוצירט פאר זיך, מיט זיינע
צופעליקע פראָדוציר-מיטלען, צו באפרידיקן זיינע פערזענלאכע
באדערפענישן דורך דעם אויסבייט פון זיינע פראָדוקטן אף פרעמדע.
קיינער הויבט ניט אָן צו וויסן, וויפל פראָדוקטן זיינע וועלן
אָנקומען אין מארק אריין, וויפל וועלן ביכלאַל פאַרברויכט ווערן;
קיינער הויבט ניט אָן צו וויסן, צי ס'איז בעעמעס פאראן אַ באַ-
דערפעניש אין זיינע פראָדוקטן, צי וועט ער דעקן די הויצאָעס
אָף זיי, צי וועט ער זיי ביכלאַל גאָר פארקויפן. עס הערשט אַן
אַנאַרכיע אין דער געזעלשאפטלאכער פראָדוקציע. דאָך די סכוירע-
פראָדוקציע, ווי יעדע אַנדערע פאָרם פון פראָדוקציע, האָט זיך אירע
אייגענע, איר אייגנטימלאַכע, פון איר ניט אָפטיילעוודיקע געזעצן,
און די געזעצן ווירקן, ניט קוקנדיק אָף דער אַנאַרכיע, אין דעם
געביט פון פראָדוקציע. זיי באַווייַזן זיך אין דער איינציק-פאַר-
בליבענער געזעלשאַפטלאַכער פאַרבינדונג—אין דעם אויסבייט, און
לאָזן פילן זייער ווירקונג בעניגייע צו די יעכידים-פראָדוצירער,
אַלס צוואנגס-געזעצן פון קאָנקורענץ. אין אָנ-
הויב ווייסן אָפילע די פראָדוצירער ניט פון זיי און ערשט נאָך
אַ לאַנגער פראַקטיק ווערט זיי דאָס קלאָר. בעכיין, ווירקן די גע-
זעצן אָן דעם אָנטייל פון די פראָדוצירער, אויסער זייער ווילן,
אַלס בלינדע געזעצן, וואָס געהערן צו דעם פראָדוקציע-שטייגער.
דער פראָדוקט הערשט איבער דעם פראָדוצירער.

אין דער מיטלאַלטערלאַכער געזעלשאַפט איז די פראָדוקציע
באשטימט, דער איקער, פארן אייגענעם געברויך, זי פלעגט צו- 188
פרידנשטעלן בלויז די באַדערפענישן פון פראָדוצירער מיט זיין
פאמיליע. דערום איז ניט געווען בעניִמצע קיין שום אויסטויש,
דער ם זיינען די פראָדוקטן קיין סכוירעס ניט געווען. די פויערשע
מישפּאָכע פלעגט פאר זיך אַליין פראָדוצירן אַלץ, וואָס זי האָט
באדארפט: געצייַג און קליידער אַזוי גוט ווי לעבנסמיטלען. און
בלויז אין די פאַלן, ווען עס פלעגט איר געראָטן צו פראָדוצירן
איבעריקס, אויסער דעם אייגענעם באדארף און אויסער דעם
נויטיקן נאַטוראלן צינז פאר דעם פּאָריץ — דעם האר, בלויז

דעמאָלט פלעגן זיך שאַפן סכוירעס: מ'פלעגט דאָס מויסרעס לאָזן 189
געזעלשאַפטלאַך אויסבייטן, אַרויסטראָגן פאַרקויפן, מאַכן פאַר
אַ סכוירע. פאַרקערט, די שטאָטישע באַלמעלאָכעס האָבן שוין
לעכאַטכילע געמוזט פּראָדוצירן צוליבן אויסבייט. אָבער אויך זיי
פלעגן אַליין באַדינען דעם גרעסטן טייל פון זייערע אייגענע
באַדערפעניש; זיי האָבן געהאַלטן גערטנער, סעדער און קליינע
שטיקלאַך פעלד; געפאַשעט זייערע בעהיימעס אין די געזעל-
שאַפטלעכע וועלדער, וועלכע האָבן פאַר זיי אויך דעם נויטיקן
הייצמאַטעריאַל צוגעשטעלט; די פרויען פלעגן שפינען ליין און
וואָל א. א. וו. די פּראָדוקציע לעשעם אויסבייט, די סכוירע-פּראָ-
דוקציע האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן. דער נויטיקער פויעל-יויצע
דערפון איז געווען די שוואַכע אַנטוויקלונג פונם אויסבייט, דער
באַגרעניצטער מאַרק, דער ניטבאַוועגלעכער פּראָדוקציע-שטייגער,
די אָרטיקע אָפּגעשלאָסנקייט אַנטקעגן דער אַרומיקער וועלט, די
אינעווייניקסטע אַכדעס אַפן אָרט, אין דאָרף — די געמיינדע, אין
שטאָט — דער צעך.
ואָר מיט דער פאַרברייטערונג פון דער סכוירע-פּראָדוקציע,
באַזונדערס, ווען ס'האָט זיך באַוויזן די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוק- 189
ציע, האָבן אָנגעהויבן ווערן אָנזיכטיקער די ביז איצט דרעמלענ-
דיקע געזעצן פון סכוירע-פּראָדוקציע. און זייער קויאַך איז געוואָרן
שטאַרקער. די פריערדיקע פאַרבינדונגען האָבן נאָכגעלאָזט, די
אַלטע שאַרפע גרעניצן פון דער פּראָדוקציע זיינען פאַרשוואונדן,
די פּראָדוצירער האָבן גענומען ווערן אַלץ מער און מער אומאָפּ-
הייניקע, אָפּגעזונדערטע סכויר ע-פּראָדוצירער. די אַנאַרכיע
פון דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע איז אַרויסגעשוואומען אַף
אויבן און האָט אָנגעהויבן באַקומען אַלץ א שאַרפערן כאַראַקטער.
אָבער דאָס שטאַרקסטע געצייג, מיט וועלכן דער קאַפּיטאַליסטי-
שער פּראָדוקציע-שטייגער האָט פאַרשטאַרקט די הערשנדיקע
אַנאַרכיע אין דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע, איז גאָר סאַכ-
אַקל, געווען פונקט דער היפּאַך פון אַנאַרכיע, — דאָס
איז געווען די שטייגנדיקע אָרגאַניזירונג פון דער פּראָדוקציע
אַרגעזעלשאַפטלאַכן זי אין יעדער ווערקשטאַט

באזונדער. אזוי ארום איז געמאכט געוואָרן אַ סאָף צו די אלטע
פעסטע פארהעלטעענישן. אין די אלע געביטן פון פראָדוקציע, וואו
עס האָט זיך פראקטיקירט דער נייער שטייגער, האָט ער נעבן
זיך ניט געקאָנט פארליידן די אַלטע מעטאָדן. דאָרט, וואו ער
האָט די האנטווערקעריי באהערשט, איז קיין האנטווערקעריי שוין
ניט געבליבן. דאָס פעלד פון אַרבעט איז געוואָרן אַ פעלד פון
קאמף. די גרויסע געאָגראפישע אַנטדעקונגען און באלד נאָך זיי
די קאָלאָניזאציע האָט פארברייטערט דעם אָפּזאַץ-געביט און פאר-
גיכערט די פארוואנדלונג פון האנטווערקעריי אין מאנופאקטור.
פון דעם אויפגעפלאקערטן קאַמף צווישן איינצעלנע אָרטיקע פראָ-
דוצירער זיינען שפּעטער אויסגעוואקסן די נאציאָנאלע און האנדל-
מילכאָמעס פון 17 און 18-טן יאָרהונדערטער. און צולעצט די
גרויסע אינדוסטריע מיט דעם פארברייטערטן וועלט-מארק האָבן
דעם קאַמף געמאכט פאר אַן אַלוועלטלאכן און דערביי אים ציגעגעב
אַן אַכזאָריעסדיקן כאראקטער. אינם קאַמף צווישן באזונדערע קא-
פּיטאַליסטן, אַזוי אויך צווישן גאנצע צווייַגן פון פראָדוקציע און
צווישן גאנצע לענדער, ווערט די פראגע וועגן בלייַבן-לעבן גע-
לייזט אָדער דורך די נאטירלאכע מאַילעס, אָדער דורך די געשא-
פענע באדינגונגען פון דער פראָדוקציע. דער באזיגטער ווערט
א מראכמאָנעסדיק אָפּגעראמט פון פּלאץ. דאָס איז דער דאַרוויני-
שער קאמף פאר עקזיסטענץ, אריבערגעטראָגן מיט א שרעקלאכער
ווילדקייט פון דער נאטור אין דער געזעלשאפט אריין, און פון
שטאנדפּונקט פון נאַטירלאַכן געזעץ אין דער געזעלשאפט פון
באַלעבאָים ווערט עס הייסן די העכסטע שטופע פון אַנטוויקלונגס-
פּאָצעס פון דער מענטשהייט. דער קעגנזאץ צווישן
דער געזעלשאפטלאכער פראָדוקציע און
דער קאפּיטאליסטישער פאראייגנונג איז
געוואָרן א קעגנזאץ צווישן דער אָרגאניזי-
רונג פון דער פראָדוקציע אין אַ איינצעל-
נער פאבריק מיט דער אנארכיע אין דער
פראָדוקציע אין דער גאנצער געזעלשאפט.

6. די רעזערוו-אַרמיי.

190 דער קויאָך, וועלכער ברייגגט אַרויס די געזעלשאַפטלאכע
אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע, טרייבט אַלץ מער און מער דעם
גרעסטן ראָוו מענטשן צו ווערן פּראָלעטאַריער; אָבער גראָד די
מאַסן פּראָלעטאַריער וועלן אַ סאָף מאַכן צו דער אַנאַרכיע אין
דער פּראָדוקציע. אַ דאַנק דער פייאיקייט פון דער מאַשין זיך אָן
אַ שיר צו פאַרפּאָלקאָמען, טרייבט דער זעלבער קויאָך פון געזעל-
שאַפטלאכער אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע יעדן איינציקן קאַפּי-
טאַליסט איינצופירן די פּולקאָמסטע מאַשינען בא זיך אין אונ-
טערנעמונג, אויב ער וויל ניט אומקומען. נאָר די פאַרפולקומטע
מאַשין שפּאָרט איין דעם געברויך פון מענטשלאכער אַרבעט-
קראַפט. אויב באַם איינפירן מאַשינען און באַם פאַרגרעסערן זייער
צאָל ווערן מיליאָנען האַנטאַרבעטער פאַרביטן אף עטלאכע גע-
ציילטע מענטשן צו שטיין בא די מאַשינען, קומט בא דער פאַר-
בעסערונג פון די מאַשינען ווידעראַמאָל צו א נייע פאַרטרייבונג
פון דער פאַבריק אַסאַך פון די מענטשן, וואָס אַרבעטן בא דער
מאַשין; כוץ דעם, פירט עס צו דער באַשאַפונג פון זייע א גרוי-
סער מאַסע לוין-אַרבעטער, מער איידער דעם קאַפּיטאַלס דורכ-
שניטלאכער באַדאַרף, און עס טיילט זיך אויס פון צווישן זיי
א י ב ע ר י ק ע אַרבעט-קראַפט— א אינדוסטריעלע ר ע ז ע ר וו-
אַ ר מ יי, וועלכע דער קאַפּיטאַל עקספּלואַטירט נאָר דעמאָלט, ווען
די אינדוסטריע בליט, און וועלכע ווערט שפּעטער אַרויסגעוואָרפן
אף דער גאַס, ווי נאָר עס קומט אָן דער אומפאַרמיידלאכער צווי-
טער פּעריאָד—דער קריזיס; די דאָזיקע אַרמיי איז ווי אַ שווערער
בליי באַם אַרבעטער אף די פיס אין זיין קאַמף פאַר עקזיסטענץ
מיט די קאַפּיטאַליסטן, וועלכע נוצן אויס די אַרמיי, קעדיי אַראָפּ-
צושלאָגן דעם אַרבעטערס לוין ביז צו יענעם נידריקן גראַד, וואָס
לויגט זיך פאַר די באַדערפעגישן פונם קאַפּיטאַל. די מאַשין ווערט
דאָס שטאַרקסטע קאַמפּס-געצייג פאַרן קאַפּיטאַל קעגן דעם אַר-
בעטער-קלאַס. דאָס פאַרפולקומטע אַרבעט-געצייג רייסט אָן אופ-
הער אַרויס באַם אַרבעטער פון די הענט זיינע לעבנסמיטלען. דעם

אַרבעטערס אייגענער פּראָדוקט (די מאַשין) ווערט אַ געצייג פון זיין פאַרקנעכטונג. בעכיין, ברענגט די עקאָנאָמיע פון אַרבעט-געצייג צו אַן אומראַכמאָנעסדיקער פאַרשווענדונג פון אַרבעט-קראַפט און צו אַ רויבערישער אויסראָטונג פון די נאָרמאַלסטע פאַרבאַדינגונגען פאַר דער אַרבעט-טעטיקייט: די מאַשין, וואָס איז דער שטאַרקסטער מיטל צו פאַרקירצן די אַרבעט-צייט, פאַרוואַנדלט זיך, אין עמעסן, גאָר אין אַ רעציכעש געצייג אַף צו מאַכן פונם לעבן פון אַרבעטער און פון זיין פאַמיליע פּאַשעט אַ מיטל צו פאַרגרעסערן דעם קאַפּיטאַל; דעם אייבעמס שווערע אַרבעט איבער דער מאָס, ווערט די דירעקטע סיבה פון דער צווייטער ערשיינונג (די פאַרגרעסערונג פון קאַפּיטאַל). די גרויסע פּראָדוקציע, וועלכע יאָגט זיך צו פאַרכאַפּן נייע קוינים איבער דער גאַרער וועלט, באַגרעניצט באַ זיך אין דער היים, דורך אַ הונגער-מינימום, דעם מאָסן-געברויך, און דערמיט אַליין באַגראָבט זי איר אייגענעם אינערלאַכן מאַרק. „די אָנזאַמלונג פון אַשירעס אַף איין עק שאַפט גלייכצייטיק אַפן צווייטן עק—ד. ה. אַף דער זייט פון יענעם קלאַס, וועלכער פּראָדוצירט זיין אייגענעם פּראָדוקט. אַלס קאַפּיטאַל וואָס געהערט ניט צו אים,—אַ שרעקלאַכע אַנטוויקלונג פון דאַלעס, אַרבעט איבערן קויאַך, קנעכטשאַפט, פאַרגרעבטקייט, ווילדקייט און מאָראַלישע דעגענערירונג“ *)

7. קריזיסן.

מיר האָבן געזען, אַז די אומגעהייער-געשטיגענע פּייאיקייט 191
פון דער היינטיקער מאַשין צו פאַרפולקומונג ברענגט-מיט, אַ דאַנק דער אַנארכיע אין דער געזעלשאַפטלאַכער פּראָדוקציע, דערצו, אַז איינצלנע קאַפּיטאַליסטן זאָלן זייערע מאַשינען קעסיידער האַלטן אין איין פאַרבעסערן, אין איין פאַרגרעסערן זייער פּראָדוקטיוו-

*) דעגענעריִרונג—די אויסשטאַרבונג, דער אונטערגאַנג פינם גאַנצן דאָר.

קיים, אַלזא, פאַקטיש, אין איין פּאַרבּרייטערן די גאַנצע פּראָדוק־ציע. די אויסערגעוויינלאַכע פייאיקייט פון דער גרויסער אינדוסט־ריע פאַרבּרייטערט צו ווערן טרעט שוין דאָ אַרויס פאַר אונזערע אויגן אַלס אַ נ ו י ט ב א ד ע ר פ ע נ י ש אין אַ קוואַליטאַטיווער און קוואַנטיטאַטיווער פאַרבּרייטערונג — אַ באַדערפעניש וועלכע איגנאָרירט אַלע קעגנווירקונגען, וואָס זי באַגעגנט אין וועג. ד י ק ע ג נ ו י ר ק ו נ ג אַנטקעגן דער פאַרבּרייטערונג פון דער פּראָדוקציע ווערט געשאַפן דורכן געבּרויך און אַפּזאַץ פון די סכוירעס—דורך די מערק פאַר די פּראָדוקטן פון דער גרויסער אינדוסטריע. די פאַרבּרייטערונג פון מארק קאָן ניט נאָכשפאַנען נאָך דער פאַרבּרייטערונג פון דער פּראָדוקציע. דער צונויפשטויס ווערט אומפאַרמיידלאַך, און מאַכמעס קיין אויסוועג פון די אַלע שווערקייטן שאַפט ער דאָך ניט, קאָלזמאַן עס איז ניט פאַרניכ־טעט די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע, ווערט ער פּעריאָדיש.

און ווירקלאַך אָנהויבנדיק פון יאָר 1825, ווען עס האָט אויסגעבּראָכן דער ערשטער אַלגעמיינער קריזיס, ווערט די גאַנצע אינדוסטריעלע און האַנדלס-וועלט, די גאַנצע פּראָדוקציע און דער אויסבּייט אין אַלע ציוויליזירטע לענדער און אין מער-ווייניקער קולטורעלע קאָלאָניעס, אַן ערעך, אַלע צען יאָר אַרויסגעשלאָגן פון איר געוויינלאַכער קאָליי. דער טראַנספּאָרט שטעלט זיך אָפּ, די מערק זיינען פאַרפלייצט, פּראָדוקטן ליגן מאַסנווייז ניט גערירט און געפינען זיך ניט קיין אָפּזאַץ. דאָס מעזומענע געלט פאַר־שווינדט פון אומזאַץ, דער קרעדיט הערט אויף, פאַבּריקן גייען ניט, אַרבּעטער-מאַסן נויטיקן זיך אין עקזיסטענץ-מיטלען דערפאַר, וואָס... זיי האָבּן באַשאַפן צ ו פ י ל אַזעלכע מיטלען, עס גייט אַ באַנקראָט נאָך אַ באַנקראָט, איין ליציטאַציע נאָך דער צווייטער. דער קריזיס דויערט יאָרנווייז, אָן אַ שיר פּראָדוקטן און פּראָדו־ציר-מיטלען קומען אום אַזוי לאַנג ביז, ענדלאַך, געפינט די אָפּ־געשטעלטע פאַראַנענע סכוירע, צוליב איר מער-ווייניקער גע־שלאָגענער פרייז, אַן אָפּזאַץ; דעמאָלט ערשט שטעלט זיך די פּראָ־דוקציע און דער אויסטויש ביסלאַכווייז צוריק אַף די פיס. נאָכ־דעם ווידער פאַרגיכערט זיך שוין קעסיירער דער גאַנג פון דער

אינדוסטריע, זי יאָגט זיך אין טראַפּ-געלויף, פון געלויף — אין אַ
גאַלאָפּ, און נאָך ווייטער צעלאָזט אין אַ קאַריער *) אין אַ פולן
אינדוסטריעלן, קאָמערציעלן, קרעדיטישן און ספּעקולאַנטישן געריט
איבער באַריערן; סאָף קאָל סאָף, נאָך די קאָפּ-שווינדלערישע שפּרינ-
געניש ברענגט דער געריט צופירן די אינדוסטריע ווידעראַמאָל
צום אָפּגרונט פון איר מאַפּאָלע. און אַזוי ווייטער,
ווידער פון אָנהויב. דער כאַראַקטער פון די קריזיסן איז אַזוי
בולעט, אַז אַפילע פוריע האָט, באַשטימנדיק דעם ערשטן
פון זיי, זייער געלונגען כאַראַקטעריזירט אויך אַלע איבעריקע
מיטן טערמין: קריזיסן פון וואוילטאג. אין די קריזיסן געפינט זיין
שאַרפסטן אויסדריק דער ווידערשפּרוך צווישן דער פאַרגעזעל-
שאַפטלעכטער פּראָדוקציע און דער קאַפּיטאַליסטישער פאַראייגנונג.
דער אומזאַץ פון סכוירעס שטעלט זיך אָפּ אויף א צייט, ווערט
קימאַט א נול; דער אומזאַץ-מיטל—געלט ווערט גאָר אַ מעניע
צום אומזאַץ, אַלע געזעצן פון פּראָדוקציע און אומזאַץ דרייען זיך
איבער קאַפּויר. דער פּראָדוקציע-שטייגער שטעלט
זיך אנטקעגן דעם שטייגער פון אויסטויש; די 191
פּראָדוקטיווע קויכעס שטעלן זיך אנטקעגן
דעם פּראָדוקציע-שטייגער, וועלכער האָט זיי בא-
שאַפן.

פאַר די קאַפּיטאַליסטן אַליין ווערט דאַן אויך דייטלאַך דער
אומשטאנד, וואָס די געזעלשאַפטלאכע אָרגאַניזירונג פון דער
פּראָדוקציע אויף דער איינצל פאַבריק אַנטוויקלט זיך אַזוי ווייט,
אַז זי קאָן זיך ניט אויסגלייכן מיט דער הערשנדיקער אַנאַרכיע
פון דער פּראָדוקציע אין דער גאַנצער געזעלשאַפט גופע, ווייל
אין דער צייט פון קריזיסן קומט דאָך פאָר אַ שטאַרקע קאָנצענ-
טרירונג פון קאַפּיטאַלן, דורך דעם כורבן פון אַסאַך גרעסערע
און נאָך מער קלענערע קאַפּיטאַליסטן. דער גאַנצער מעכאַניזם
פון דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע-שטייגער הערט-אויף פונקצי-
אָנירן, אונטערן דרוק פון די, פון אים געשאַפענע, פּראָדוקטיווע

*) קאַריער—הייסט, לאָזן לויפן דעם פערדל אין איין אָטעם

קויכעס. ער איז נישט בעקויאך צו פארוואנדלען די גאנצע מאסע פראדוציר-מיטלען אין קאפיטאל. זיי בלייבן ליגן אומגעניצט, און דערפאר גראד מוז די אינדוסטריעלע רעזערוו-ארמיי בלייבן ארבעטסלאז. פראדוציר-מיטלען, לעבנס-מיטלען, ארבעטער, וואס בעטן זיך אף ארבעט,—די אלע עלעמענטן פון פראדוקציע און אלגעמיינער רייכקייט זיינען פאראן בעשעפע, נאר גראדע פון דער „שעפע" ווערט א קוואל פון ארימקייט און נויט (פוריע), וואס שטערט צו פארוואנדלען די פראדוציר-מיטלען אין קאפיטאל. אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט קאן מען אנדערש ניט לאזן גיין די פראדוציר-מיטלען, סיידן מ'מאכט פון זיי א קאפי-טאל, א מיטל צו עקספלואטירן מענטשלאכע ארבעטס-קראפט, ווי א סאטן שטעלט זיך אוועק צווישן ארבעטער פון איין זייט אין די פראדוציר-און לעבנס-מיטלען, פון דער אנדערער זייט — די נויטיקייט דאווקע צו קאפיטאליזירן די דאזיקע מיטלען, זי איינע שטערט דער קאנטאקטער טעטיקייט פון די מאטעריעלע מיט די פערזענלאכע פאקטארן אין דער פראדוקציע; זי איינע דערלאזט ניט, די פראדוציר-מיט-לען זאלן פונקציאנירן אין דער פראדוקציע און די ארבעטער זאלן ארבעטן און האבן אף צו לעבן. בעכיין, באווייזט דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע-שטייגער אליין, ווי אומפייאיק ער איז ווייטער צו רעגירן איבער די פראדוקטיווע קויכעס; פון דער צווייטער זייט, פארלאנגען אלץ ענערגישער די פראדוקטיווע קויכעס אליין די באזייטיקונג פון ווידערשפרוך, די באפרייאונג פאר זיך פון דער קאפיטאליסטישער פארם און די ווירקלאכע אנערקענונג, אז זיי האבן אין זיך דעם כאראקטער פון געזעלשאפטלאכע פראדוקטיווע קויכעס.

8. אקציאנערע געזעלשאפטן

192 דער דאזיקער ווידערשטאנד פון די מעכטיק וואקסנדיקע פראדוציר-קויכעס קעגן זייער קאפיטאליזירונג, די וואקסנדיקע נויטיקייט צו אנערקענען זייער ראליע פון א געזעלשאפטלאכן

פאקטאָר—דאָס אַלץ צווינגט מער-ווייניקער דעם קלאס קאַפּיטאַ-
ליסטן אַליין אויך צו באַגיין זיך מיט זיי ווי מיט געזעלשאַ-
לאַכע פּראָדוציר-קויכעס, ס׳פאַרשטייט זיך, אַף אַזוי פיל, אַף
וויפל דאָס איז נאָר מעגלאַך און די ראַמען פון קאַפּיטאַליסטי-
שער פּראָדוקציע. די פּעריאָדן פון אינדוסטריעלן אופשטייג מיט
זייער אומבאַשריינקטער קרעדיטספּייאיקייט, אַזוי אויך די קריזיסן,
מאַכמעס דעם צונויפשטויס פון גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אונטער-
נעמונגען, ברענגען צו יענע פאָרמען פון פאַרגעזעלשאַפטלאַכן
גרויסע מאַסן פּראָדוציר-מיטלען, וועלכע טרעטן איצט אַרויס אַלס
פאַרשיידענע מינים אַקציאָנערע געזעלשאַפטן.
אַסאַך פון די פּראָדוציר-איינריכטונגען און טראַנספּאָרט-מיטלען
זיינען שוין אַליין פאַר זיך געווען, אַזוי גראַנדיעז (ווי, לע-
מאָשל די אייזנבאַנען), אַז עס איז שוין גאר אויסגעשלאָסן יעדע
אַנדערע פאָרם פון קאַפּיטאַליסטיש זיי צו עקספּלואַטירן, אויסער
די אַקציאָנערע. אָבער אַף אַ געוויסער אַנטוויקלונגס-שטופּע ווערט
אויך די פאָרם איבערן קויאַך פאַר די קאַפּיטאַליסטן, און דער
אָפיציעלער פאָרשטייער פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט—
די מעלוכע — איז גענויט צו נעמען אַף זיך אָנפירן מיט דער
פּראָדוקציע. פריער פאַר אַלץ איז נויטיק געוואָרן אַריבערצופירן 193
אַף מעלוכע-אייגנטום אייניקע אַזעלכע גרויסע אונטערנעמונגען,
ווי פּאַסט, טעלעגראַף און אייזנבאַן.
אויב די קריזיסן האָבן געוויזן, ווי אומפייאיק די בורזשוי-
אַזיע איז ווייטער צו באַהערשן די היינטיקע פּראָדוציר-קויכעס,
האָט ווידער די פאַרוואַנדלונג פון די פּראָדוציר-אַנשטאַלטן און 193
פון קאָמוניקאַציע-מיטלען אין אַקציאָנערע געזעלשאַפטן און אין
מעלוכע-אייגנטום אופגעדעקט, ווי די בורזשואַזיע איז איבע-
גאַנצן ניט נויטיק דערצו. אַלע געזעלשאַפטלאַכע פונקציעס פון
די קאַפּיטאַליסטן פילן אויס פאַר זיי דעמאָלט געדונגענע באַ-
אַמטע פאַר געהאַלט. דער קאַפּיטאַליסט אַליין ערפילט שוין
דערביי ניט קיין שום געזעלשאַפטלאַכע פונקציעס, אויסער דעם,
וואָס ער נעמט צונויף די האַכנאָסעס, שניידט קופּאָנעס און שפּילט
אַף דער בירזשע, וואו פאַרשיידענע קאַפּיטאַליסטן רייסן אויס די

קאפּיטאַלן איינער באַם צווייטן; פּונקט ווי דער קאַפּיטאַליסטישער
פּראָדוקציע-שטייגער האָט געדריקט די אַרבעטער, דריקט
ער אַציגד אויך די קאַפּיטאַליסטן און וואַרפט זיי אַרויס ווי די
אַרבעטער, אין די רייען פון דער א י ב ע ר י ק ע ר באַפעלקערונג,
עמעס, ניט גלייך אין די רייען פון דער אינדוסטריעלער
רעזערוו-אַרמיי.

9. די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכע.

ניט די אַקציאָנערע געזעלשאַפטן, ניט מעלוכע-אייגנטום
193 באַפרייען נאָך ניט די פּראָדוציר-קויכעס פון זייער קאַפּיטאַ-
ליסטישן כאַראַקטער. בענויגייע צו די אַקציאָנערע געזעלשאַפטן
איז עס קלאָר, אָן שום דערקלערונגען. אָבער אויך די מאָדערנע
מעלוכע איז אַן אָרגאַניזאַציע, געשאַפן פון דער בורזשואַזער גע-
זעלשאַפט צו פאַרהיטן און באַשיצן די פאָרמעלע באַדינגונגען פון
קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע-שטייגער, ניט בלויז קעגן אַרבעטער
נאָר אויך קעגן איינצעלנע קאַפּיטאַליסטן, וואָס הויבן אוף אַף
זיי די האַנט.

די מאָדערנע מעלוכע ווי עס באַווייזט אונז איר
פאָרם גופע, איז אין טאָך אַ קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, אַ
מעלוכע פון קאַפּיטאַליסטן, זי איז דער אידעאַלסטער קאַפּיטאַ-
ליסט, וואָס פאַראייניקט אין זיך אַלע מאַילעס פון קאַפּיטאַליסטן.
וואָס מער פּראָדוציר-קויכעס עס קומט אָן אין איר רעשוס, אַלץ
מער ווערט פון דער מעלוכע אַ ווירקלאַכער קאַפּיטאַליסט, אַלץ
מער עקספּלואַטירט זי אירע בירגער. די אַרבעטער בלייבן אַלע
לוין-אַרבעטער, פּראָלעטאַריער. די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטע-
193 נישן ווערן פאַרשאַרפט, און ניט פאַרגלעט אָדער אָפּגעשאַפן.
און נאָך דער פאַרשאַרפונג קומט אַן איבערקערעניש. דער איבער-
גאַנג פון די פּראָדוציר-קויכעס צו דער מעלוכע אַלס אייגנטום
לעזט נאָך ניט דעם קאָנפליקט; דאָך זיינען שוין דערין פאַראַן
די פאָרמעלע מיטלען, ד ע ר ש ל י ס ל צו דער לעזונג.

10. דער געזעלשאַפטלאַכער כאַראַקטער פון די פּראָדוציר־קויכעס.

דער קאָנפליקט וועט ערשט דעמאָלט געלעזט ווערן, ווען
מ׳וועט בעוועס איינזען דעם געזעלשאַפטלאַכן כאַראַקטער פון
די היינטיקע פּראָדוציר-קויכעס און ווען דער פּראָדוקציע שטיי-
גער, די פאַראייגנונג פון די פּראָדוקטן און דער אויסטויש וועלן
צוגעפּאַסט ווערן צום געזעלשאַפטלאַכן כאַראַקטער פון די פּראָ-
דוציר-מיטלען. דאָס וועט אָבער קאָנען געשען נאָר אין דעם פאַל,
אויב די געזעלשאַפט וועט עפנטלאַך, אָן שום טאַינעס, איבער-
נעמען אין אירע הענט די אָנפירונג מיט די פּראָדוציר-קויכעס,
וואָס קיינער, אַכוץ איר, איז שוין ניט אומשטאַנד אָנצופירן מיט
זיי. דערביי וועלן דעמאָלט די פּראָדוצירער אין פולן באַוואוסט- 194
זיין אַרויסברייגען דעם געזעלשאַפטלאַכן כאַראַקטער
פון די פּראָדוציר-מיטלען, וואָס איצט גייט ער קעגן
זיי פּראָדוצירער אַליין און שטערט פעריאָדיש דעם גאַנג פון דער
פּראָדוקציע און דעם אויסבייט-פּראָצעס, ווי אַ מין נאַטור-געזעץ
וואָס ווירקט בלינד, בעגוואַלד אין שעדלאַך, — דעמאָלט וועט ער
פון אַ פאַקטאָר פון כירבן און פון פעריאָדישע קאַטאַסטראָפעס
ווערן דער מעכטיקסטער הויבער פון דער אַנט-
וויקלונג פון דער פּראָדוקציע. די קויכעס וועלכע
ווירקן אין דער געזעלשאַפט, דערשיינען לאַכלוטן פונקט אַף אַזאַ
אויפן, ווי די נאַטור-קרעפטן: בלינד, בעגוואַלד און שעדלאַך,
קאָלזמאַן מיר ווייסן זיי ניט און קאָנען זיי ניט באַהערשן. קוים
האָבן מיר זיי אָבער דערקענט, דערגאַנגען זייער ווירקונג, זייער
ריכטונג און איינפלוס, — ווענדט זיך שוין אָן אונז אַלץ מער און
מער אונטערצוואַרפן זיי אונטער אינזער ווילן אליין מיט זייער
הילף דערגרייכן אונזערע צילן. די דאָזיקע האַנאָכע לאָזט זיך
באַזונדער אָנווענדן צו די היינטיקע מעכטיקע פּראָדוציר-קויכעס.
קאָלזמאַן מיר זאָגן זיך אָקשאָנעסדיק אָפּ צו פאַרשטיין זייער נאַ-
טור און זייער כאַראַקטער — און דאָס האָט זיך דער קאַפּיטאַליס-
טישער פּראָדוקציע-שטייגער מיט זיינע באַשיצער אַזוי פאַר-
אַקשנט, — ווירקן די דאָזיקע קויכעס קעגן אונז, ניט קוקנדיק

אף אונז, און מאכן אונז פאלן אונטער זייער מעמשאָלע. אָבער
ווי נאָר עס ווערט פארשטענדלאך די טעווע זייערע, דאן קאָנען
זיי אין די הענט פון די פראָדוצירער, וועלכע פאראייניקן זיך
אף כאוורישע יעסוידעס, פארוואנדלט ווערן פון טײַוולאָנישע
הערשער אין האכנאָעדיקע דינער.
194 צווישן זייער איצטיקן ווירקן און קומענדיקן וועט זיין אזא
כילעק, ווי צווישן דער ווירקונג פון דער צעשטערנדיקער עלעק-
טרישער קראפט אינם געוויטער-בליץ און דער איצטיקער עלעק-
טריע, וואָס איז דעם מענטשן אונטערטעניק, אינם טעלעגראף
אָדער וואָלט-בויגן; א כילעק, ווי צווישן אַ סרייפע און א פייער,
וואָס דער מענטש באנוצט פאר זיין באדערפעניש. בא אזא מין
באנוצן די הײַנטיקע פראָדוקציע-קויכעס. פארשטייענדיק וויטנ-
שאפטלאך זייער טעווע און אייגנשאפטן, וועט די געזעלשאפט-
לאכע אנארכיע און דער פראָדוקציע פארביטן ווערן אף א געזעלשאפטלאך-פלאנמעסיקער רעגולירונג
פון דער פראָדוקציע לויט די באדערפענישן פונם גאנצן קאָלעק-
טיוו, אָלס אזעלכן, און פון יעדן מיטגליד זיינעם באזונדער. דער
קאָפיטאָליסטישער שטייגער פאראייגענען די פראָדוקטן, בא
וועלכן דער פ־אָדוקט פארשקלאפט צוערשט דעם פראָדוצירער, נאָכ-
דעם אויך יענעם, וואָס האָט אים זיך פאראייגנט, וועט ווערן פאר-
ביטן אף א נייעם שטייגער פון פאראייגנונג, געבויט אף דער
עמעסער נאטור פון די הייַנטיקע פראָדוציר-מיטלען: פון איין זייט
וועט קומען א גלייכע געזעלשאפטלאכע פאראייגנונג
פון פראָדוקטן, אָלס מיטלען אף וויטער צו דערהאלטן און פאר-
ברייטערן די פראָדוקציע; פון דער צווייטער זייט, וועט פאָרקו-
מען אויך א דירעקט-אינדיווידועלע פאראייגנונג פון
פראָדוקטן, אָלס מיטלען צו דער עקזיסטענץ און פארגעניגן.

11. דיקטאטור פון פראָלעטאריאט. דאָס אָפשטארבן פון דער מעלוכע.

מאכנדיק אָלץ גרעסערע מאסן פון דער באפעלקערונג פאר
194 פראָלעטאריער, באשאפט דערמיט דער קאפיטאליסטישער פראָ-
דוקציע-שטייגער אויך יענעם קויאך, וועלכער וועט דארפן

אופטאָן די גאַנצע איבערקערעניש, אויס מוירע פאַר זיין אייגענעם
אונטערגאַנג. צווינגענדיק זיין מעלוכע צו פאַרוואַנדלען אין איר
אייגנטום וואָס מער און מער פאַרגעזעלשאַפטלאַכטע פּראָדוציר-
מיטלען, ווייזט דער קאַפּיטאַליזם אַליין אַ וועג פאַר דער דאָזי-
קער איבערקערעניש.

דער פּראָלעטאַריאַט פאַרכאַפּט די מע-
195 *לוכע-מאַכט און פאַרוואַנדלט אַלע פּראָדו-*
ציר-מיטלען אין מעלוכע-אייגנטום. נאָר דערמיט
פאַרניכטעט ער זיך אַליין, אַלס פּראָלעטאַריאַט, ער פאַרווישט
אַלע קלאַסן-אונטערשיידן און קלאַסן-סטירעס, ער פאַרניכטעט אינ-
גאַנצן די מעלוכע, אַלס אַזעלכע. ביז איצט האָט זיך די געזעל-
שאַפט, צעריסן דורך די קלאַסן-סטירעס, גענויטיקט אין אַ מעלו-
כע, ד. ה. אין אַ אָרגאַניזאַציע פונם הערשנדיקן קלאַס אַף אונ-
טערצוהאַלטן אין יעדן געגעבענעם פעריאָד די אויסערלאַכע באַ-
דינגונגען פון זיין פּראָדוקציע, באַזונדער אַף איינצוהאַלטן מיט
גוואַלד דעם עקספּלואַטירטן קלאַס אין די באַדינגונגען פון אונ-
טערדריקונג, לויט ווי די עקזיסטירנדיקע קאַפּיטאַליסטישע פאָרמען
פון פּראָדוקציע פאַרלאַנגען עס (קנעכטשאַפט, לייבאייגנטום, לוין-
אַרבעט). די מעלוכע איז קעסיידער געווען די *אָפיציעלע*
פאָרשטייערין פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, די פאָרם וואָס פאַר-
אייניקט די געזעלשאַפט אַלס איין גאַנצע קערפּערשאַפט, נאָר די
דאָזיקע ראָל האָט זי געשפּילט אַף אַזויפיל, אַף וויפל זי איז
געווען די מעלוכע פון יענעם קלאַס, וועלכע האָט אין דער געגעבענער
צייט *אַליין* פאָרגעשטעלט די גאַנצע געזעלשאַפט. אין אַלטער-
טום האָט עקזיסטירט אַ מעלוכע פון בירגער-קנעכט-אייגנטימער,
אין מיטלאַלטער — אַ מעלוכע פון דעם פעאָדאַלן אַדעל, און אין
אונזערע צייטן — אַ מעלוכע פון דער בורזשואַזיע. ווען אָבער די
מעלוכע וועט מיטאַמאָל שוין ווערן ווירקלאַך די פאָרשטייערין פון
דער גאַנצער געזעלשאַפט, וועט זי פון זיך ווערן אינגאַנצן אַן
איבעריקע זאַך. קיין וועט שוין ניט זיין אַזאַ געזעלשאַפטלאַכער
קלאַס, וועלכן מ'זאָל דאַרפן האַלטן אונטערטעניק, ווען אינאיינעם
מיט דער קלאַסן-הערשונג און מיטן קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ

צוליב דער אנארכיע אין דער פראָדוקציע, וועלן אויך פאר-
שווינדן אלע פאָלגלאכע צוזאמענשטויסן, וועלכע נעמען זיך
דערפון, דאן וועט ניט זיין וועמען אונטערצואווארפן, און עס
וועט שוין מעמיילע, פון זיך אליין, אָפפאלן די באדערפעניש פון
א רעפּרעסיווער מעלוכע-קראפט. דער ערשטער אָרט פון יענער
מעלוכע, וועלכע וועט אויסטרעטן ווי אן עמעסע פאָר-
שטייערין פון דער גאנצער געזעלשאפט — צו פאר-
אייגענען די פראָדוציר מיטלען אין נאָמען פון דער געזעלשאפט —
וועט אויך זיין איר לעצטער זעלבשטענדיקער אקט, אלס א מע-
ליכע. די אריינמישונג פון דער מעלוכישער מאכט אין געזעל-
שאפטלאכע פארהעלטענישן וועט ווערן וואָס אמאָל איבעריקער
אין איין ריכטונג נאָכן צווייטן, און וועט נאָכדעם פון זיך אליין
אויפהערן. אנשטאט צו שאפן איבער מענטשן, וועט מען בלויז
דארפן האלטן קאָנטראָל איבער זאכן און רעגולירן די
פראָצעסן פון דער פראָדוקציע. די מעלוכע וועט ניט „אָפּגעשאפט
ווערן", זי וועט אָפּשטארבן מיט איר נאטירלאכן
טויט.

12. קלאסן-סטירעס. עקאָנאָמישער און פאָליטישער באנקראָט פון דער בורזשואזיע.

מאכן אלע פראָדוציר-מיטלען פאר אן אייגנס פון דער גע-
195 זעלשאפט אליין—דאָס האָט זיך ווי א מער-ווייניקער קלאָרער
צוקונפט-אידעאל געטראָגן פארן גייסטיקן בליק פון איינצעלנע פער-
זאָנען, אויך פון גאנצע שיטעס און פארטייען, שוין גלייך פון אָנ-
הייב, ווי נאָר עס האָט זיך אָן דער היסטאָרישער אָרענע באוויזן
דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציע-שטייגער. דאָס ווערט אָבער
ערשט מעגלאך און היסטאָריש-נויטיק נאָר דאן, ווען עס זיינען
שוין בעפנימצע די מאטעריעלע באדינגונגען פאר זיין פאר-
ווירקלאכונג. אָבער סאַי די, סאַי אן אנדערע סאָציאלע איבער-
קערעניש טוט געשען נישט צוליב דעם, וואָס מענטשלאכע מויכעס
זיינען געוואָרן דורכגעדרונגען מיטן באוואוסטזיין, אז די עקזיסטענץ

פון באזונדערע קלאַסן איז ניט אַל פּי יוישער, עמעס, גלייכ-
הייט א. א. וו. און אויך ניט צוליב אַ פּאַשעטן פארלאַנג די קלאַסן
צו פאַרניכטן, נאָר אויסשליסלאך אדאנק נייע קאָ-
נאָמישע באדינגונגען. די צעשפּאלטונג פון דער גע-
זעלשאַפט אף צוויי קלאַסן — עקספּלואטאַטאָרס און עקספּלואטירטע,
הערשנדע און אונטערטעניקע, איז געווען דער נויטיקער פויעל-
יויצע פון דער פריערדיקער שוואכער פּראָדוקציע-אנטוויקלונג. אַזוי
לאַנג, ווי די געמיינזאַמע אַרבעט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט
שאַפט צו ווייניק מויסרעס, אויסער דעם נויטיקן סכום פארן פּאָ-
שעטן קיעם פון יעדן מיטגליד, אַזוי לאַנג, ווי די אַרבעט בעמט
אָפּ בא דער גרעסטער מערהייט מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט
די גאַנצע אָדער קאמאט די גאַנצע צייט, אַזוי לאַנג מוז די גע-
זעלשאפט זיין געשפּאָלטן אף קלאַסן. כוץ דער גרויסער מערהייט
אויסשליסלאך פארנומענע בא דער אַרבעט, אַנטשטייט דאן אַ קלאַס
מענטשן, באַפרייטע דירעקט פון דער פּראָדוציר-אַרבעט, קעדיי צו
באַדינען אַלע נויטן פון דער געזעלשאַפט: ער נעמט אַף זיך אָנ-
צופירן מיט דער אַרבעט, רעגירן מיט דער מעלוכע, פירן די
מישפּאָטים, זיך פארנעמען מיט קונסט און וויסנשאַפט א. א. וו.
בעכיין, ליגט אין יעסאָד פון דער צעטיילונג פון דער געזעלשאפט
אף קלאַסן דער געזעץ פון אַרבעט-צעטיילונג.
נאָר אויב די צעשפּאַלטונג פון דער געזעלשאַפט אף קלאַסן 196
האָט אַ געוויסע היסטאָרישע באַרעכטיקונג, איז עס כאָל
אף אַ געוויסן צייט-פעריאָד און אַף געוויסע געזעלשאַפטלאכע
פארהעלטענישן און באַדינגונגען. דאָס איז דאָך געשען אַפן גרונט
פון אַ ניטגענוגער אַנטוויקלונג אין דער פּראָדוקציע. און דערום
מוז עס אָפּגעשאַפט ווערן בא דער פולער אַנטוויקלונג פון די
היינטיקע פּראָדוציר-קויכעס.
אין עמעסן, די אָפּשאַפונג פון געזעלשאַפטלאכע קלאַסן זעצט
פאַרויס אַזאַ גראַד פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג, ווען די עקזיסטענץ 196
ניט בלויז פון דעם אָדער יענעם הערשנדיקן קלאַס, נאָר ביכלאל
פון הערשנדיקע קלאַסן, אַלזא אויך פון קלאַסן-אונטערשיידן, ווערט
אויסקומען ווי אן אַנאכראָניזם. הייסט מיינט מען דאָך דערביי אַזאַ

היכע אַנטוויקלונג-גראַד פון דער פּראָדוקציע, בײַ וועלכן די פֿאַר-
אייגנונג פון די פּראָדוציר-מיטלען און פון די פּראָדוקטן דורך
איין געזעלשאַפטלאַכן קלאַס (וואָס האַלט אגעוו אויך די פּאָלי-
טישע הערשאַפט בײַ זיך, אַזוי אויך די מאָנאָפּאָליע אַף בילדונג
און אַף גײַסטיקע האַשגאָכע איבער אַנדערע) זאָל דעמאָלט אויס-
קומען ניט וואָס איבעריק, נאָר מאַמעש אַ שטערונג פֿאַר דער
ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג אין עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און אינ-
טעלעקטועלן זין. דער דאָזיקער גראַד פון אַנטוויקלונג איז שוין
בײַ הײַנטיקן טאָג דערגרייכט. דער פּאָליטישער און אינטעלעקטו-
עלער באַנקראָט פון דער בורזשואַזיע איז שוין פֿאַר איר אַליין,
געוויס, אויך קיין סאָד ניט, און איר עקאָנאָמישער באַנקראָט כאַ-
זערט זיך איבער אַלע 10 יאָר. יעדן מאָל בעשאַס אַ קריזיס ווערט
דאָך די געזעלשאַפט מאַמעש דערשטיקט אונטערן יאָך פון אירע
אייגענע פּראָדוקטן און פּראָדוציר-מיטלען, וועלכע זי קאָן ניט באַ-
נוצן; און זי בלײַבט הילפלאָז שטיין פֿאַר אַ מעשוגעדיקן ווידער-
שפּרוך, וועלכער באַשטייט דערין, וואָס די פּראָדוצירער האָבן
דערפֿאַר ניט וואָס צו געברויכן, ווײַל עס פעלן געברויכער. די
פּייאיקייט פון די פּראָדוציר-מיטלען זיך צו פֿאַרברייטערן צערײַסט
אָבער די פּענטעס, וועלכע דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע-
שטייגער לייגט אַרויף אַף זיי. באַפרײַען די פּראָדוציר-מיטלען פון
די פּענטעס איז דערום דער איינציקער פֿאָרבאַדינג פֿאַר דער אומ-
אופהערלאַכער שנעל-פּראָגרעסירנדיקער אַנטוויקלונג פון די פּראָ-
דוציר-קויכעס, אַזוי אויך פֿאַר דעם פּאַקטישן אומבאַגרענעצטן
וואוקס פון דער פּראָדוקציע גופע. נאָר דאָס איז נאָך ניט אַלץ.
ווען די געזעלשאַפט אַליין פֿאַראייגנט פֿאַר זיך די פּראָדוציר-
מיטלען, באַזײַטיקט זי דאַן ניט בלויז די הײַנטיקע קינסטלאַכע
מעניעס אין דער פּראָדוקציע, נאָר אויך דאָס אויסברײַנגען און דאָס
פֿאַרשווענדן מעשוגענערווײַז פּראָדוציר-קויכעס און פּראָדוקטן, ווי
דאָס קומט פֿאָר אומפֿאַרמײַדלאַך אין דער פּראָדוקציע, און באַ-
זונדער דערגרייכט עס ביז צום העכסטן גראַד בעשאַס אַ קריזיס.
כוץ דעם, ווערט באַפרײַט פֿאַר דער געזעלשאַפט אַ מאַסע פּראָ-
דוציר-מיטלען און פּראָדוקטן, ווײַל עס ווערן דאָך אָפּגעשאַפט די

מעשונעדיקע הויצאָעס אַף קאָמפּאָרט און וואוילטאָג, וועלכע פּראַק-
טיקירט זיך איצט בא די הערשנדיקע קלאַסן און בא זייערע פּאָ-
ליטישע פאָרשטייער. די פאַרגעזעלשאַפטלאַכונג פון דער פּראָדוק-
ציע וועט באַזאָרגן אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט ניט
בלויז מיט א גענוגענד מאַטעריעלער עקזיסטענץ, פאַרבעסערנדיק זי
קעסיידער, זי וועט זיי אויך גאַראַנטירן די פרייע אַנטוויקלונג און
אַנטפּלעקונג פון זייער פיזישער און גייסטיקער גאַב. די אָנ-
זאַמלונג פון די מאַטעריעלע באַדינגונגען פאַר אַזאַ פאַרגע-
זעלשאַפטלאַכונג איז שוין פאַראַן.

13. די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט.

ווען די געזעלשאַפט וועט באַזיצן די פּראָדוציר-מיטלען,
דעמאָלט וועט נעמען אַ סאָף צו דער סכוירע-פּראָדוקציע, אַלזאָ,
אויך צו דער אונטערטעניקייט פון דעם פּראָדוצירער צו זיין פּראָ- 197
דוקט. די אַנאַרכיע אין דער געזעלשאַפטלאַכער פּראָדוקציע וועט
פאַרביטן ווערן אַף אַ סיסטעמאַטישער באַוואוסטזיניקער אָרגאַ-
ניזירונג. עס וועט אופהערן דער קאַמף פאַר פערזענלאַכער
עקזיסטענץ. דער מענטש וועט אין א געוויסן זין אַרויסרייסן זיך
פון דער כאַיעשער עקזיסטענץ און וועט אַריין אין ריין-מענטש-
לאַכע לעבנס-באַדינגונגען. אַלע לעבנסבאַדינגונגען, וואָס זיינען
ביז איצט געווען געשאַפן און האָבן דעם מענטשן געדריקט, וועלן
זיך אַליין אונטערוואַרפן דעם מענטשן מיט זיין קאָנטראָל; מענטשן
וועלן ערשט ווערן באַוואוסטזיניקע ווירקלאַכע באַלעבאַטים איבער
דער נאַטור, ווייל זיי וועלן זיין באַלעבאַטים אין זייער געזעל-
שאַפט. די געזעצן פון זייער געזעלשאַפטלאַכער טעטיקייט, וואָס
זיינען פריער געהאַנגען איבער זיי, פונקט ווי די צוואַנגס-געזעצן
פון דער נאַטור, וועלן זיך אַרויסווייזן גאָר אינם מענטשנס רעשוס
און וועלן פאַרווענדעט ווערן פולקום באַוואוסטזיניק. די אונטער-
טעניקייט פון מענטשן צו זייער געזעלשאַפטלאַכער אָרגאַניזאַציע,
וואָס איז ביז אַצינד אויסגעקומען ווי אָנגעהאַנגען דער מענטש-
הייט פון דער נאַטור און פון דער געשיכטע, וועט איצט ווערן

אַ פרייער אַקט פון מענטשנס אייגענעם ווילן. די אָביעקטיווע אוי-
סערלאכע קויכעס, וואָס האָבן אין דער געשיכטע געהערשט, וועלן
זיך אונטערוואַרפן דעם קאָנטראָל פון דעם מענטשן אַליין. 197
און ערשט פון דער צייט אָן וועלן מענטשן ווערן פולקום
באַוואוסטזיניקע שעפער פון זייער אייגענער געשיכטע; נאָר פון
דער צייט אָן וועלן די סיבעס פון אַ געזעלשאַפטלאכן כאראקטער
אַרויסרופן רעזולטאַטן, וועלכע זיינען געוואונשן פאַר דער מענטש-
הייט. די מענטשהייט וועט טאָן אַ שפרונג פון דער וועלט פון
נויטווענדיקייט אין דער וועלט פון פרייהייט. 197
אופטאָן דעם דאָזיקן באפרייאונגס-אַקט—דאָס איז די היסטאָ-
רישע אופגאַבע פונם מאָדערנעם פראָלעטאַריאַט. ווידער אויס-
פאָרשן די היסטאָרישע באַדינגונגען און דעם כאראקטער זייערן,
קלאָר מאַכן, אַלזאָ, פאַר דעם אונטערדריקטן קלאַס, וועלכער
ווערט אַצינד גערופן צו טאַט, די באַדינגונגען און דעם מעהוס
פון זיין אייגענער טעטיקייט,—דאָס איז די אופגאַבע פאַר דער
טעאָרישער אויספאָרשונג פון דער פראָלעטאַרישער באַוועגונג, פאַר
דעם וויסנשאַפטלאכן סאָציאַליזם.

אינהאלט.

האקדאָמע . . . . זייט 3

אַריינפיר. אלגעמיינע האנאָכעס „ 6

I. די פילאָזאָפיע.

1. די אַנטשטייאונג פון דער וועלט . . . . „ 14
2. די אנטוויקלונג פון דעם לעבן . . . . „ 17
3. דאָס קעמערל. לעבנס-פראָצעסן . . . . „ 22
4. זיין און באַוואוסטזיין . . . . „ 26
5. אייביקע עמעסן . . . . „ 29
6. מאָראל. גוטס און שלעכטס . . . . . „ 33
7. גלייכהייט . . . . „ 36
8. פרייהייט און נויטווענדיקייט . . . . „ 42
9. רעליגיע . . . . „ 44
10. דיאלעקטיק . . . . „ 46
11. אייכעס און קאמעס. די נעגירונג פון דער נעגירונג . „ 48

II. פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

1. מיט וואָס פאַרנעמט זיך די וויסנ־
שאַפט און איר מעטאָד . „ 53
2. דער פּרימיטיווער קאָמוניזם.
די אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון פּרי־
וואַטאייגנטום, פאַמיליע און מעלוכע . „ 61
3. די אנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון קלאַסן „ 68
4. אַרבעט־צעטיילונג . . . . „ 73
5. שטאָט און דאָרף . . . . „ 76
6. די טעאָריע פון ווערט . . . . „ 76
7. פּאָשעטע אַרבעט און קאָמפּליצירטע . . „ 83
8. קאַפּיטאַל און מערוווערט . . . . . . „ 85

III. סאָציאַליזם.

פון אוטאָפּיסטישן סאָציאַליזם צום וויסנשאַפטלעכן.

1. דאָס מאַטעריאַליסטישע פאַרשטיין די געשיכטע „ 90
2. דער מאָדערנער סאָציאַליזם . . . . . „ 91
3. קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע, קאָנצענטראַ־
ציע פון פּראָדוציר־מיטלען, קאַפּיטאַליס־
טישע פאַראייגנונג . . . . „ 92
4. לוין־אַרבעט . . . . „ 96
5. די אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע, קאָנ־
קורענץ, קאַמף פאַר די מערק . . . „ 97
6. די רעזערוו־אַרמיי . . . . „ 101
7. קריזיסן . . . . „ 102
8. אַקציאָנערע געזעלשאַפטן . . . . . . „ 105

9. די קאַפּיטאַליסטישע מעלוכע . . . . . „ 107
10. דער געזעלשאַפטלאַכער כאַראַקטער
פון די פּראָדוציר-קויכעס . . . . . „ 108
11. דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.
דאָס אָפּשטאַרבן פון דער מעלוכע . . „ 109
12. קלאַסן-סטירעס. עקאָנאָמישער און פּאָליטי-
שער באַנקראָט פון דער בורזשואַזיע. . „ 111
13. די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט . . . . „ 114